STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02518

# DI VELT-BERIHMTE YIDISHE MUZIKER

Menahem Kipnis

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „ביכער־פאר־אלע" ווארשע.

# די וועלט־בעריהמטע

# יידישע מוזיקער

ערשטער טייל

בעארבייט

מ. קיפּניס.

פּרייז 40 קאפּ.

ווארשע, — תר"ע.

דרוק „האור", ווארשע, דלוגא 11.

## הויפט קוועלען:

1) „Berühmte Juden—Männer und Frauen“.
פון ד"ר אדאלף קאהוט.

2) „Жизнь замѣчательныхъ Людей. библіотека Павленкова“.

3) „Музыка и ея представители“.
פון א. רובינשטיין, ס"ט פעטערבורג 1891.

און אנדערע.

# ДИ ВЕЛТЪ-БЕРИМТЕ ИДИШЕ МУЗИКЕРЪ

Знаменитые еврейскіе композиторы

обраб. **М. Кипнисъ.**

**Часть первая.**

**Изданіе „Бихеръ-Фаръ-Алэ“, Варшава, Долгая 11.**

Типографія М. О. Кринскаго, Долгая 11.

**1910 г.**

# די וועלט־בעריהמטע
# יידישע מוזיקער.

# ייִדען אין דער מוזיק.

אין דער ענטוויקלונג פֿון מוזיק, האָבען ייִדען פֿון שטענדיג אָן פֿערנומען זעהר אַ גרויסען אָרט. אין ייִדישען פֿאָלק האָבען זיך תמיד געפֿונען קינסטלער וואָס האָבען גוט פֿערשטאַנען אויסצודריקען זייערע געפֿיהלען אין דער מוזיק-שפּראַך און זענען ניט נאָר געגאַנגען אין דעם הינזיכט האַנד בײַ האַנד מיט אַלע קולטורעלע פֿעלקער, נאָר פֿערלאָפֿען אַביסעל פֿאָראויס, פֿריהער.

מיר געפֿינען פֿיעל גרויסע טאַלענטען און גאונים אין דער מוזיק בײַ אַלע אומות העולם, רעכענענדיג זיך אָבער מיט דעם קלײנעם פּראָצענט און אָרט וואָס ייִדען פֿערנעמען צווישען די הונדערטער מיליאָנען אַנדערע פֿעלקער, האָבען ייִדען אַרויסגעגעבען פֿיעל מעהר מוזיקער פֿון אַנדערע פֿעלקער, — קינסטלער, וואָס האָבען מיט זייערע שעפֿפֿונגען און סטיל אויסגעטראָטען נײַע וועגען אין דער אַלגעמיינער מוזיק-קונסט און וועלט-אַנשויאונגען.

אויב עס לאָזט זיך אַמאָל אונטערברענגען ייִדישע מאַטעריעלע האָב און גוטס, וואָס אַנבעלאַנגט אָבער צו'ם ייִדישען גײַסט, פֿאַר איהם איז נאָך ניט בעשאַפֿען געוואָרען קיין געוועהר, מיט וועלכען מען זאָל איהם פֿערניכטען. דער ייִדישער גײַסט ברעכט דורך ווי אַ שטראָמיגעס וואַסער אַלע צוימען און אײַזערנע ווענד, טרעט אויס אַ וועג, און פֿערשפּרייט זיך וואָס ווײַטער אַלץ ברייטער און ברייטער.

די ייִדישע שעפֿפֿונגס-קראַפֿט אין דער מוזיקאַלישער קונסט שטעהט שטענדיג ווי אַ ביין אין די אַנטיסעמיטישע העלזער. דורך די שאַרפֿע, העלע און שנײַדענדע שטראַהלען, וועלכע ציהען זיך פֿון מוזיקאַלישען ייִדישען מח, ווערען זיי איבערראַשט, בלײַבען מאַנכע מאָל אָהן לשון, אָבער ענטפֿערען אָמן ווילט זיך זיי פֿאָרט ניט.

אויף יעדער אָפּערען-ביהנע, אין יעדער קאָנצערטען-און סימפֿאָניען-האַלע

געפינען זיך שטענדיג פערבאקענע אנטיסעמיטלעך, וועלכע קענען בלומרשט ניט פערדעהען יידישע קאמפאזיציאנען. — „מה יפית"! — שרייען זיי און טאנצען צו הינטער די קוליסען, אבער אין הארצען ברענט דער פייער פון קנאה, ניט פערגינענדיג דעם יידען זיינע רייכע חנו'דיגע פאנטאזיעס. ניט נאר די קליינע ושאבעס קראקען און בלאזען זיך אויף דעם יידישען קינסטלער, נאר אויך גרויסע מוזיקער קענען זעהר אפט ניט פערטראגען דעם רוהם, וועלכען די יידישע קינסטלער קענען זיך ערווערבען, און פרובען א שמאך טהון הינטען ארום.

דער גרויסער קאמפאזיטאר ראסיני, דער אויטאר פון די בעוואוסטע אפערען „ווילהעלם טעל" און „דער פריזיער פון סעוויל", צוזעהענדיג די גוואלדיגע אוואציעס און רוישענדע אפלאדיסמענטען, מיט וועלכע דאס פובליקום האט אויפגענומען מאיר-בער'ן מיט זיין אפערע „ראבערט דער טייוועל" אויף דער גרויסער פאריזער אפערען-סצענע, האט ניט געקענט פערשטיקען זיין קנאה, און א זאג געטהון מיט א ביטער איראנישען טאן: „לאז נאר דער ייד ענדיגען דעם „שבת-קוגעל", וועל איך מיר זיך נעהמען צו דער ארבייט!" — אזוי האט ראסיני בנלד געווארפען מאיר-בער'ן דעם „ייד" מיט'ן „קוגעל" גלייך אין פנים אריין...

געגען דעם ייד מאיר-בער איז אויך ארויסגעטראטען ריטשארד וואגנער, דער גרינדער פון דער מוזיקאלישער דראמע, מיט א בעשולדיגונגס אקט, אין וועלכען ער איז אנב בעפאלען ניט נאר אויף מאיר-בער'ן, נאר אויף כלל ישראל: — „געוואלד, יידען מיט יידישקייט אין מוזיק! — האט ער געשריען — יידען פערדארבען דעם עסטעטישען געשמאק פון מוזיק"! ד. ה. יידען פערציבעלירען, פערקנאבעלירען און פערטשאלענטירען די שענע קונסט!...

דאך אבער האבען אלע פערשטאנען, אז נישט אזוי פיעל די ליעבע צו דער קונסט, ווי די קנאה צו דעם ייד מאיר-בער רעדט פון זיין פעדער...

— מוזיק איז די מעלאדיע און איהר טעקסט איז די וועלט! — האט געזאגט שאפענהויער. מוזיק דאס איז דער אבקלאנג פון לעבען, און אזוי ווי דאס לעבען איז פערשיעדען ביי יעדעם פאלק צוליעב געוויסע לאקאלע, סאציאלע און נאציאנאלע בעדינגונגען, דעריבער טאקי שפיגלען זיך אב-

בעזונדערע פארבען און שטריכען אין דער מוזיק פון יעדער פאלק. אין יעדער אריגינעלע, נישט נאכגעמאכטע מוזיקאלישע ווערק לויפען דורך בעזונדערע נאציאנאלע ליניען, וועלכע זענען געאייגנעט בלויז דעם נאציאן, ביי וועלכען דער קינסטלער איז געבוירען. מעג דער קינסטלער שטעהן גאנץ ווייט פון זיין פאלק, דאס בלוט אבער, וואס לויפט אין זיינע אדערען, געהערט אימער צו דעם פאלק, וועלכעס האט איהם אויף דער וועלט געבראכט...

דער ייד איז מעהר פערשיעדענארטיג, דער יידישער קאפ דענקט טיעפזיניגער, ער זוכט שטענדיג אן'אויבער-הסברה, דערצו קאן דער ייד ניט זיין געבונדען, טרוקען סיסטעמאטיש, דער יידישער קאמפאזיטאר קען זיך ניט האלטען איינפארמיג, מיט דעם אלעמען און מיט זיין בעזונדער פאעזיש-לירישען גייסט צייכענט ער זיך אויס פון אלע אנדערע פעלקער.

ניט קוקענדיג אויף די אונפערשעמטע אנטיסעמיטישע אנפאלען, בלייבען אבער סוף כל סוף די גרויסע יידישע מוזיקער די קרוין פון די פרעמדע נאציאנען, אויף וועמעס ערד זיי זענען געבוירען און ערצויגען געווארען. מען פרובירט זיך זאגאר אמאל מאכען פערגעסענדיג, אז דער זעלבער קינסטלער שטאמט ארויס פון יידישען פאלק, וועלכער האט איהם געשענקט דעם געניאלען מוזיקאלישען פונק.

רובינשטיין בלייבט דער שפיעגעל פון דער רוסישער מוזיק, האטש זיינע מעלאדיען זענען דורכגעוועבט מיט יידישע געפיהלען. די דייטשען שטאלצירען מיט זייער ליריש-קלאסישען מענדעלסאן, האטש זיין מוזיק איז פול מיט'ן יידישען חן. אפענבאכ'ס גמרא קעפעל האט אויפגעשטעלט א פרייען און מיסטישען רעפערטואר, וועלכער האלט אויף אלע איראפעאישע אפערעטען-ביהנעס. ניט רעדענדיג שוין פון דעם גרויסען מאיר-בער, און הלוי ווי אויך זיין שוויגערזאהן ביזעט און פיעל אנדערע, וועלכע זענען געבליבען די בריליאנטען פון פראנקרייך און אנדערע לענדער.

# קאָמפּאָזיטאָר דזשאַקאָמאָ (יעקב)
# מאירבּער.

ווי גרויס און עדעל-שטאַרק קלינגט דער נאָמען מאירבּער אין דעם האָריזאָנט פון דער מוזיקאַלישער וועלט.

קיין אָפּערען-קאָמפּאָזיטאָר אין דער וועלט האָט זיך ניט ערוואָרבען אַזאַ רוהם, אַזאַ גרויסען נאָמען, אַזעלכע ערנסטע האַרץ-דאַנקבּאַרישע סימפּאַטישע מיטגעפיהלען ווי „אונזער" מאירבּער, איך בעטאָן דאָס וואָרט „אונזער", ווייל די געגנער, וועלכע ער האָט געהאַט אין זיין לעבען און אויך היינט, נאָך זיין טויט, זענען אויף איהם אָנגעפאַלען, ווי בייזע הינד, נאָר דערפאַר ווייל ער איז אונזערער; ווייל אַ יודיל (אַפילו אַ בערלינער) זאָל זיך וואַגען אַ.וי הויך צו שטייגען און מיט זיינע פעהיגקייטען מאַכען אַזאַ רעש אין דער וועלט.

עס עקזיסטירט ניט — אַ חוץ מאָצאַרט — נאָך אַ דייטשישער קאָמפּאָזיטאָר, וואָס זיין איינפלוס זאָל זיך אַזוי פיעל אָבשפּיגלען אויף די איטאַליענישע, פראַנצויזישע, הישפּאַנישע און פיעל אַנדערע סצענעס, ווי עס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט און אויסגעדריקט דער איינפלוס פון אונזער מאירבּער; דער מאירבּער, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען אַ ייד און איז געשטאָרבען אַ ייד, ניט געפינענדיג פאַר נעהטיג — ווי אַנדערע האָבען געטהון — זיך טויפען, כדי דאַמיט אָבצוּוואַשען די חרפה פון זיין געבאָרען ווערען ביי יידישע עלטערען.

ניט קוקענדיג אויף די אַלע אָנפאַלען פון זיינע געגנער די „וואַגנעראָזוצעס" מיט זייערע פּאַסקווילען, אין וועלכע זיי ווייזען אָן אויפ'ן יידישקייט אין זיין שעפּפונגסקראַפט אַלס גרעסטען פעהלער, — האָט מאירבּער פאַר יידען דוקא גאָר ניט געשריבען. אַז מאירבּער איז געווען ווייט פון עלט יידישען נאַציאָנאַליזם-שאָוויניזם, בעווייזט דער פאַקט, וואָס ער האָט בעשאַפען די אָפּערע „דינאָראַ", אין וועלכער ער אילוסטרירט דאָס קריסטליכע פרומע עולי-רגל זיין אויף די פלערמעלישע גאָטעס-דיענסט. וואָס אַנבעלאַנגט די אָפּערע „הוגאָנאָטען" עק-

[ג]עסטירט שוין לאנג הייִנעס א שארף ווערטעל, דאס אין דיזער אפערע דערשלאגען די קאטוילוקען די פראטעסטאנטען מיט דער קראפט פון מוזיק, וועלכע א ייד האט אנגעשריבען. דאס איינציגע פון מאירבער'ס ווערק, וועלכע קאן פאר יידען האבען א בעזונדער ווערט איז אפשר די 12 קאפיטלעך תהלים, וועלכע ער האט בעארבייט, און אין וועלכע עס פיהלט זיך א פייער און א ריכטיגע רעליגיעזע־גלויבען שטימונג.

אין הלוי'ס, מענדעלסאנס און רובינשטיינ'ס שעפפונגס קראפט פיהלט זיך מעהר דער יידישער גייסט, ווי ביי מאיִרבער'ן, דאך—אלס קרוין און פאהן פון קאמפאזיטארען־יידען—איז דער לעצטער מעהר פאפולער און מעהר בעקאנט. די ערשטע זענען בעקאנט נאר אין מעהר מוזיקאלישערע קרייזען, דער לעצטער—אויך צווישען דעם המון, וועלכען עס בעצויבערט שטארק מאירבער'ס עפעקטי. שע אפערען, ניט נעהמענדיג אין אכט, צי האט ער געשריבען אין יידישען גייסט צי ניין, אבי זיי וויסען, אז מאיִרבער איז א ייד און זיינע אפערען זענען עפעקטיש־רייך, זיס און זעהר געשמאק פאר'ן אויער.

מאיִרבער—אין זיין מוזיקאלישען סטיל—בעווייזט זיך אלס קאסמאפאליט, אלס בירגער פון פערשידענע לענדער. זיינע שעפפונגען זענען פריי, עס הערט זיך אין זיי א פרייע אויסמישונג און פערבינדונג פון פערשידענע סטילען. עס קען זיין, אז אין דעם אליין שפיגעלט זיך אב זיין גאנצע יידישע נשמה; דער ייד נע ונד־ניק, וועלכער האט קיין אייגענע היים און איז מסוגל דעריבער איינצוזאפען אין זיך דעם סטיל און שטייגער־לעבען פון יעדעם לאנד וואו ער קומט. און דאס איז, די גאנצע גרויסקייט פון מאירבער'ן, וועלכער האט בעוויזען דאס מ'קען בעשאפען פרעכטיגע קונסט־ווערק, ניט האלטענדיג זיך פעסט ביי איין סטיל. א חוץ דעם האט איהם די נאטור פריי־געביג בעשענקט מיט פיעל אנדערע מעלות:

ער האט בעזעסען אן'אויסשעפענדען קוואל פון אויסדריקליכע, צוציהענדע רהיטמישע מעלאדיען; ער האט טיעף איין עדעל פערשטאנען די עפעקטען און שענהייט פון דער ביהנע; ער האט וואונדערבאר פערשטאנען דעם כאראקטער פון דעם מענשענס שטימע, אזוי אויך דעם כאראקטער פון אלע פערשידענע אינסטרומענטען; ער האט בעזעסען א פעסטע אונערמידעטע

שטרעבונג צו אלעס, וואס איז הויך און פראכטפאל-שען אין דער קינסט, עס איז דעריבער קיין וואונדער, וואס מאירבער האט אין א משך פון 50 יאהר געקעניגט איבער א/ע סצענעס פון דער גאנצער וועלט.

יעקב מאירבער איז געבארען געווארען דעם 5-טען סעפטעמבר אין יאהר 1791. זיין פאטער יעקב הערץ בער איז געוועזען זעהר א רייכער באנקיר אין בערלין, וואו זיין הויז האט זיך גערעכענט פאר איינע פון די אריס-טאקראטישע. זיין פאמיליע נאמען איז געוועזען בער. שפעטער האט ער צו זיין פאמיליע נאמען צוגעלעגט דעם ביינאמען מעער פון זיינעם א רייכען קרוב, וועלכער האט איהם אויף דעם תנאי אבגעשריבען דאס גאנצע פערמעגען.

די מוטער פון מאירבער, אמאליע איז געוועזען איינע פון די אויסגעצייכענטע פרויען; מיט איהר זיטליכעם גע-זיכטס-פארם, שטעלט זי זיך אונז פאר אלס גרויס-ארטיגע געשטאלט, אלס איינע פון די זעלטענע טייערסטע טיפען פון די קלאסישע פרויען, ווי למשל די מוטער פון געטהע און נאך פיעל אנדערע מוטער'ס, וועל-כע האבען געהאט א גרוי-סען איינפלוס אויף די ענטוויקלונג פון זייערע געניאלע קינדער.



יי פראמאליע, (מאירבער'ס מוטער).

אמאליע מאירבערס מוטער איז בעוואוסט געוועזען אין בערלין אלס זעהר א בארמהערציגע פרוי, וואו נאר אן ארימאן און א נויטבעדערפטיגער, האט ער זיך צו איהר געווענדעט, און פון איהר הויז האט זי קיינעם ניט ארויס.

געלאָזט מיט לעדיגע הענד. היינריך היינע שרייבט וועגען איהר פאָלגענדעס: „עס איז ניט אריבער א טאג, זי זאָל ניט האָבען געהאָלפען א נויטבעדערפטיגען, עס האָט אויסגעזעהן, ווי זי וואָלט ניט געקענט רוהיג איינשלאָפען, ניט אויף טהוענדיג פריהער עפּעס א גוטע זאך. זי האָט געהאָלפען אלעמען, אָהן אנ'אונטערשייד פון רעליגיאָן און גלויבען. תמיד איז זי געווען פערנומען מיט וואוילטהעטיגע זאכען, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען דער ציעל פון איהר גאנצעס לעבען."

לויט די לעצטע אָנווייזונג פון מאיערבער'ס איידעם, גענעראל מאיאָר בעראָן קאָרף; איז מאיערבער ניט געבאָרען געוואָרען אין בערלין, נאר זיין א צוגעמאכטען עקיפּאזש, נעבען טאסדאָרפער-גאסטהויז אויפ'ן וועג קיין פראנקפורט, וואו אהין די פאמיליע בער איז צופעליגערווייזע געפאָהרען.

מאיערבער צוזאמען מיט זיין יינגערען ברודער מיכאל — דער פּאָעט און אויטאָר פון „סטרועענזע", צו וועלכעס מאיערבער האָט שפּעטער פערפאסט מוזיק — האָבען בעקומען זעהר א רייכע עלעמענטארע בילדונג. גאנץ גיך האָבען די עלטערען בעמערקט זיינע נייגונגען פאר מוזיק און האָבען צו איהם איינגעלאדען, אלס לעהרער פון קלאוויר-שפּיעלען, דעם בעריהמטען לאַאוסק. טעאָריע האָט ער געלערענט ביי צעלטער, שפּעטער האָט ער צוזאמען מיט'ן קאָמפּאָזיטאָר וועבער געלערענט ביי דעם געלעהרענטען פאָגלער אין דארמשטאדט.

צו זיעבען-יאָהריגען עלטער איז מאיערבער ארויסגעטרעטען עפענטליך אלס פּיאניסט און האָט געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון אלע קריטיקער און מוזיק פערשטעהער. ווי עס ווייזט אויס, וואָלט זיך פון איהם אויסגעארבייט א וואונדערבארער פּיאניסט, נאר די צופריהע ערשיינונג פון זיין געניאלע שעפּפונגס-קראפט האָט פערדונקעלט דעם פּיאניסט-געניוש, וואָס אין איהם. צו'ם 12 יאָהריגען עלטער האָט מאיערבער אויפגעשריבען פיעל זאכען צום זינגען און פאר פאָרטעפּיאנא. אלט זייענדיג 20 יאָהר, האָט ער אויפגעשריבען די קאנטאטע „גאָט און די נאטור", וועלכע איז דעם 8-טען מאי 1811 אויסגעפיהרט געוואָרען מיט גרויס ערפאָלג אין בערלינער זינג-אקאדעמיע. די קריטיק האָט זיך אָבגערופען וועגען איהר, ווי וועגען זעהר א



שטאַרקע זאַך, אָנווייזענדיג אויף די פאָלקאָמע קענטשאַפט פון דעם אויטאָר אין אַלע מוזיקאַלע טעכנישע פאָדערונגען — אויף זיין קאָנען פערבינדען אין וואונדערליכע האַרמאָניע דאָס הייסג לעבען א. ז. וו. איין יאָהר שפעטער איז ערשינען זיין ערשטע דראַמאַטישע ווערק: „די טאָכטער פון יפתח", וועלכע איז אויפגעפיהרט געוואָרען אין מינכען. באַלד נאָך דעם האָט ער מאיר בער אַלס פיאַניסט צו זיין 7 יעהריגען עלטער. אויפגעפיהרט זיין אָפערעטע: „דער פישער און די מילך פערקויפערין". דיזע אַלע דראַמאַטישע ווערק האָבען אָבער לאַנג ניט געהאַלטען זייער ערפאָלג.

דעם ערשטען טריאומף האָט מאיר בער צופערדאַנקען זיין אָפערע „אלימלך", וועלכע איז געשטעלט געוואָרען אין שטוטגאַרט. דער קאָמפאָזיטאָר קאַרל מאַריא פ. וועבער שרייבט וועגען „אלימלך" פאָלגענדעס: „לעבעדיגע קראַפטווירקענדע פאַנטאַזיע, אַנגענעהמע זיסע, כמעט פרעכטיגע מעלאָדיען, רעגעלמעסיגע דעקלאַמאַציאָן, מוזיקאַלישע אויסהאַלטונג, רייכע נייע צופאַסענדע האַרמאָניע, פלייסיג-איבערלייגענדע בעטראַכטע אינסטרומענטאַציאָן, דאָס אַלעס דינט אַלס פאָרטרעפליכע כאַראַקטעריזירונג צו דער אָפערע „אלימלך".

אין יאָהר 1814 איז מאיר בער געפאָהרען קיין ווין צו שטעלען זיין אָפערע „אלימלך" אין קערטנערטאָר-טעאַטער, דאָרט האָט ער זיך בעקאַנט מיט בעטהאָווען. דער לעצטער האָט דאַמאָלס געשטעלט אין ווין איינע פון

זײַנע סימפֿאָניען, בײַ וועלכער גומעל האָט דיריזשירט מיט'ן אָרקעסטער, דער קאָמפּאָזיטאָר מאָשעלעס (אַ ייד) האָט געקלאַפּט אין די טאַצען און מאירבער האָט געקלאַפּט אין פּויק. דער גרויסער מאַיעסטראָ בעטהאָווען, רעדענדיג פֿון דיעזער אויספֿיהרונג, האָט בעמערקט: „מיט מאירבער'ן בין איך גאָרניט געווען צופֿריעדען: ער האָט תמיד פֿערשפּעטיגט אַזוי, דאָס איך האָב איהם געמוזט פֿיין אויסזידלען. מ'קען מיט איהם גאָרניט מאַכֿען, עס פֿעהלט איהם אוים דרייסט צו אָנפֿאַנגען אין דער צײַט" — דיזע ווערטער ענטהאַלטען אין זיך אַ טייל אמת: די דרייסטיגע ענטשיידענהייט האָט בײַ מאירבער'ן פֿערפֿעהלט; דערפֿאַר אָבער איז ער רייך געווען מיט אַנדערע מעלות, וועלכֿע טרעפֿען זעלטען בײַ אַ קאָמפּאָזיטאָר — פֿעסטער כאַראַקטער און געדולד.

אין דער זעלבער צײַט האָט פֿון איטאַליען געלאָזט זיך הערען אַ פֿרישע נײַע מוזיק, די מוזיק פֿון ראָסיני, וועלכֿע איז דאַמאָלס געווען אין פֿולען רוהם. ראָסיני'ס מוזיק האָט שטאַרק בעריהרט די סטרונעס אין מאירבער'ס נשמה און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין איטאַליען מיט אַ ציעל, זיך לערנען די איטאַליענישע מוזיק אין סאַמע איטאַליען. איטאַליען האָט איהם ווירקליך ענטדעקט די סודות פֿון עפֿעקטען און אויפֿגעדעקט די מיטלען, מיט וועלכֿע מ'קען קויפֿען און צוציהען די צושויער.

אין איטאַליען האָט מאירבער אויפֿגעשריבען פֿיעל אָפּערען, וועלכֿע זענען אויפֿגעפֿיהרט געוואָרען מיט ערפֿאָלג אויף אַלע איטאַליענישע סצענעס. די בעסטע פֿון דיעזע אָפּערען זענען: „Romilda e Constanza“ און „Emma di Resburgio“ דעם גרעסטען ערפֿאָלג האָט געהאַט די אָפּערע: „Crociato in Egitto“, וועלכֿע איז אויפֿגעפֿיהרט געוואָרען אין ווענעציאַנער טעאַטער „Fenice“, דיעזע אָפּערע איז אויך געשטעלט געוואָרען אויף אַלע אייראָפּעאישע סצענעס און האָט געגעבען די גרעסטע הכנסות; דער פֿראַנצויזישער קעניג קאַרל X האָט ספּעציעל פֿערבעטען מאירבערען קיין פּאַריז אויפֿצופֿיהרען דיזע אָפּערע אין טעאַטער „Favart“, וואו עס האָט דאַמאָלס געזונגען די בעריהמטע פּרימאַדאָנע יהודית פּאַסטאָ (אַ יידין).

אַ לאַנגע צײַט האָט זיך אונזער יונגער קאָמפּאָזיטאָר געפֿונען אונטער דער מאַכֿט און אײַנפֿלוס פֿון דער עדעלער לײַדענשאַפֿטליכֿער איטאַליענישער

מעלאָדיע, נאָר סוף כל סוף האָט ער זיך בעפֿרייט פֿון דעם איטאַליעניזם און זיך אַ שטיק צייט אין גאַנצען אויסבעהאַלטען פֿון פּובליקום. זיך ווידער ענער־גיש איבערגעבען צו׳ם לערנען, כדי אויף ס׳ניי אַרויסצוטרעטען אַלס פֿראַנצויזישער אָפּערען־קאָמפּאָזיטאָר.

די סבה, צוליעב וועלכע מאיר־בער האָט אַוועקגעוואָרפֿען דעם איטאַליענישען סטיל און מאַניער, איז געוועזען די פֿיינדליכע בעציהונג אין בערלין געגען איהם און זיינע איטאַליענישע אָפּערען:

אין יאָהר 1822 האָט זיך מאירבער צוריקגעקעהרט פֿון איטאַליען קיין בערלין מיט אַ נאָמען פֿון אַ פֿאָלקאָמען איטאַליענישען קאָמפּאָזיטאָר. מאירבער האָט נאָך זיין צוריקקעהרען באַלד חתונה געהאַט מיט זיין קוזינע מינע מאָסאַק און האָט אָנגעפֿאַנגען זעלבסשטענדיג אַרויסשטעלען זיינע איטאַליענישע אָפּערען אויף די דייטשישע בינהען. די דייטשישע פּרעסע און קריטיקער האָבען אָבער ניט געקענט פֿערטראָגען מאירבער׳ס איטאַליעניזם אין זיינע אָפּערען. אַ דאַנק דעם קאָמפּאָזיטאָר מאָצאַרט, האָט זיך דאַן די דייטשישע אָפּערע געהאַט בעפֿרייט פֿון דער איטאַליענישער אָבערהערשאַפֿט, און האָט אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדערע ריכטונג, וועלכע איז געשטאַנען העכער פֿאַר דער איטאַליענישער. די בערלינער קריטיקער האָבען געפֿונען, אין מאירבער׳ס טריי האַלטען זיך אין די פֿו[illegible]ן פֿון דער איטאַליענישער שולע, אַן ערנידערונג פֿאַר דעם דייטשישען נאַציאָנאַליזם און האָבען איהם אָנגערופֿען „איטאַליענישער שקלאַף“, וועלכער שאַפֿט ניט קיין נייעס, נאָר מאַכט נאָך ראָסיניען...

די אונאויפהערליך־פֿערביטערטע אָנפֿאַלען פֿון דער דייטשישער פּרעסע, האָבען מאירבערן טיעף געערגערט. גראַדע איז איהם אין יענער צייט אָבגעשטאָרבען זיין הייס־ליבענדער פֿאָטער, און באַלד נאָכדעם זיינע ערשטע צוויי קינדער. דאָס אַלעס צוזאַמען האָט אַזוי שטאַרק ניעדערגעשלאָגען מאירבער׳ן, דאָס ער איז אַריינגעפֿאַלען אין אַ מרה שחורה, וועלכע האָט אויף אַ לאַנגע צייט פּאַראַליזירט זיין שעפֿפֿונגס־קראַפֿט. 18 חדשים האָט ער ניט געקענט צו זיך קומען, און האָט זיך נאָר איבערגעגעבען צו רעליגיעזע מוזיק, אין וועלכער ער האָט געפֿונען טרייסט און בערוהיגונג. די מוזיק צו 12 קאַפּיטלעך תהלים פֿאַר דאָפּעלטע כאָרען; stabat mater, און נאָך

פֿיעל געזאַנגען און קאַנטאַטען מיט אַ רעליגיעזען אינהאַלט איז געווען די מוזיקאַלישע פֿרוכט פֿון דיזען פּעריאָד. נאָך אַ דאַנק די לוסטרייזען, וועלכע מאירבער האָט שפּעטער געמאַכט, האָט זיך צו איהם צוריקגעקעהרט דער פֿרייער גייסט און איז צוריק געוואָרען טרבייטס־פֿעהיג. מאירבער האָט דאַן בעשלאָסען אַוועקצוואַרפֿען בערלין און האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין פֿראַנקרייך, וועלכע איז געוואָרען זיין צווייט פֿאָטערלאַנד, דאָס לאַנד פֿון זיין עהרע און רוהם.

אין יאָהר 1827 איז מאירבער געקומען קיין פּאַריז. אין יענער צייט איז פּאַריז געווען דער צענטער, וואו עס האָט געקאָכט דאָס פֿערשיעדענאַרטיג דענקענדע לעבען. די פּאַריזער הויכע סאַלאָנען האָבען גערעש׳ט פֿון פּאָליטיק און מוזיק־ליטעראַרישע אונטערהאַלטונגען. מען האָט דאָרט געקאָנט בעגעגענען מיצקעוויטשען, היינריך היינע׳ן, די קאָמפּאָזיטאָרען האַלעווי, אָבער, קרייצער און נאָך פֿיעל פֿאָרשטעהער פֿון פּאָעזיע און קונסט. די פֿערוויילונג אין אַזאַ סביבה האָט גוט געווירקט אויף מאירבער׳ס גייסט; זי האָט איהם ערמונטערט און צוגעגעבען ענערגיע. מאירבער האָט דאָרט פֿלייסיג אויסגעשטודירט די פֿראַנצויזישע מוזיק אין אַלע איהרע בעסטע פֿאָרמען, און האָט גוט ערלערענט די פֿראַנצויזישע שפּראַך און איהר ליטעראַטור. דאָרט האָט זיך מאירבער אויך בעקאָנט מיט סקריב, דער קעניג פֿון ליברעטען־שרייבער, מיט וועלכען ער האָט שוין לאַנג געגאַרט זיך צו בעקאָנען. סקריב האָט ספּעציעל בעשאַפֿען פֿאַר מאירבער׳ן די עפֿעקטישע ליברעטאָ „ראָבערט דער טייפֿעל״, צו וועלכער מאירבער האָט פֿערפֿאַסט מוזיק און איז דורך איהר געהויבען געוואָרען ביי דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. די אָפּערע „ראָבערט דער טייפֿעל״ איז אויפֿגעפֿיהרט געוואָרען צום ערשטען מאָל אין יאָהר 1830 אויף דער פּאַריזשער ביהנע און האָט מיט׳ן ערשטען מאָל אויפֿגערודערט די מוזיקאַלישע וועלט. און אויך שפּעטער האָט זי איבעראַל טריאומפֿירט. דער עולם איז געווען אַזוי בעגייסטערט פֿון די נייע מעלאָדיען, פֿון די גלענצענדע דראַמאַטישע עפֿעקטען פֿון „ראָבערט", דאָס ער האָט פֿערגעסען אפֿילו זיינע געליעבטע קאָמפּאָזיטאָרען ווי אָבער און ראָסיני. מיט „ראָבערט דער טייפֿעל״ איז מאירבער אַריבער אין זיין דריטען און לעצטען

גלענצענדען פּעריאָד, מ א י ר ב ע ר איז געוועזן זיכער, דאָס ער האָט מיט „ראָבערט" געטראָפֿען דעם אמת'ן וועג אין דער אָפּערען-קונסט. ער האָט דאַמאָלס אַליין געזאָגט: „איך האָב לאַנג געזוכט, ביז איך האָב געפֿונען צו וואָס איך בין מעהר געניינט. איך בין יעצט איבערצייגט, אַז היסטאָרישע און שטאַרקע דראַמאַטישע חאַראַקטערען זענען מיינע עלעמענטען אין דער אָפּער'ן-קונסט".

אין יאָהר 1832 האָט מ א י ר ב ע ר געשטעלט די אָפּערע „ראָבערט" אויך אין בערלין, וואו ער האָט זי אַליין דיריזשירט און געהאַט דעם גרויסען ערפֿאָלג. דער קעניג האָט איהם בעשענקט מיט'ן טיטול „הויף-קאָמפּאָזיטאָר". מ א י ר ב ע ר האָט אָבער וואָס גיכער פֿערלאָזען בערלין, ניט קענענדיג פֿערטראָגען די שאַרפֿע פֿערפֿאָלגונג פֿון די דייטשישע נאַציאָנאַלע קריטיקער, וועלכע האָבען זיך בעמיהט צו שיטען אַש און בלאָטע אויף איהם און אויף זיין „ראָבערט". מען קען ניט זאָגען, אַז די אָפּערע „ראָבערט" איז אין גאַנצען ריין פֿון פֿעהלער. דער גרעסטער פֿעהלער איז דאָס, וואָס עס שיינען אין איהר צופֿיעל בולט אַרויס 3 בעזונדערע סטילען: צו'ם דייטשישען „ערנסט", צו'ם איטאַליענישען „מעלאָדיזם" און „געפֿיהל" האָט מ א י ר ב ע ר צוגעגעבען דאָס פֿראַנצויזישע „פֿרעהליכקייט און גלאַנץ"; ער האָט אָבער נאָך ניט געקענט פֿערבינדען די אַלע פֿערשידענע עלעמענטען אין אַ גאַנצען עלעמענט, ווי עס איז איהם געראָטען אין זיין שפּעטערדיגער אָפּערע „הוגענאָטען".

די דייטשישע קריטיקער האָבען אָבער צו איהם געהאַט גאָר אַנדערע טענות... נאַציאָנאַלע פּרעטענזיעס: מ א י ר ב ע ר אַ געבאָרענער דייטש... זאָל זיך אָבטרייסלען פֿון דער דייטשישער שולע און בלאָנדזען אין פֿרעמדע פֿעלדער... צווישען די שטאַרקע קריטיקער און געגנער פֿון „ראָבערט" זענען אויך געוועזן די דייטשישע קלאַסיקער-קאָמפּאָזיטאָרען ש ו מ אַ ן און מ ע נ ד ע ל ס אָ ן. קיין זאַך האָט אָבער ניט געקענט אָבהאַלטען דעם גרויסען ערפֿאָלג פֿון „ראָבערט".

אין פֿראַנקרייך האָט דער קעניג ל ו א י - פ י ל י פ, בעשענקט מ א י ר-ב ע ר'ן מיט זיין עהרען-לעגיאָנס-אָרדער און דער אינסטיטוט „De France" האָט איהם אויסגעוועהלט פֿאַר אַ מיטגליעד. די פּאַריזער אָפּערען דירעקציאָן,

וועלכֿע איז רײַך געוואָרען אַ דאַנק דער אָפּערע „ראָבערט", האָט בעשטעלט בײַ מאַירבער'ן אַנײַע אָפּערע אויף דער ליבּרעטאָ פון סקריב. מיט'ן נאָמען „הוגענאָטען".

גאַנצע 5 יאָהר זענען פֿערבײַגעגאַנגען פון דער אָפּערע „ראָבערט" ביז „הוגענאָטען", וועלכֿע איז אויפגעפֿיהרט געוואָרען צו'ם ערשטען מאָל אין יאָהר 1836 אויף פּאַריזער ביהנע. אין דיזער אָפּערע האָט מאַירבער דערגרייכט ביז דער לעצטער מדרגה גראַציע, קראַפט און שענהײַט. אין איהר איז בעזונדער גלענצענד אַרויס די אילוסטראַציאָנען פון די פֿערשידענע כאַראַקטערען, וועלכֿע געהן אַרויס רעליעף, העל־שײַנענד און אין וועלכֿע עס פֿעראײניגט זיך פּאָעזיע, מוזיק און מאַלערײַ. ניט אומזיסט האָט מאַירבער אויסגעקליבען די שרעק־ליכֿע באַרטהאָלאָמעער־נאַכֿט פאַר די שטאַרקע טענער פון זײַן מוזיק. אין „הוגענאָטען" ווערט פֿאָרגעשטעלט די היסטאָרישע צײַט, די בלוטיגע מלחמה צווישען די קאַטאָליקען און פּראָטעסטאַנטען אין פראַנקרײַך אין 16 יאָהרהונ־דערט. אַ קאַמפף, פון וועלכֿען דער רעזולטאַט איז געווען די גרויסע בלוט־באָד, וועלכֿע איז בעקאַנט אין דער געשיכֿטע מיט דעם נאָמען „באַרטהאָלאָ־מעער שחיטה" אין דער נאַכֿט פון 24 אויגוסט. יאָהר 1572, לכבוד דעם קאַ־טוילישען היילינגען באַרטהאָלאָמעאוס. די שחיטה איז איינע פון די גרעסטע הריגות אין דער וועלט־געשיכֿטע.

„הוגענאָטען" איז ניט נאָר דאָס בעסטע מײַסטערווערק פון מאַיר־בער'ס שעפּפונגען, נאָר אויך דער בעסטער פּערל אין דער אָפּערען־ליטעראַ־טור. עס איז נאָך קיין קאָמפּאָזיטאָר ניט געקומען צו דער מדרגה, ער זאָל אויפשרײַבען אַזאַ מוזיק ווי דער 4־טער אַקט פון הוגענאָטען. וואָס אַנבעלאַנגט דעם גרויסאַרטיגען דועט אין פֿירטען אַקט, שרײַבט קרײַצער: „דאָס איז איינער פון די עדעלסטע ליעבעס־הימנען, וועלכֿען דער קאָמפּאָזיטאָר האָט פון זײַן האַרץ אַרויסגעריסען און האָט איהם אַרויפגעוואָרפען פריש־צאַפּעלדיג, אויף דער ביהנע..." דיזער דועט איז בעשאַפען געוואָרען אַ טאָג פריהער, איידער די אָפּערע איז אויפגעפֿיהרט געוואָרען דאָס ערשטע מאָל. דאָס האָט פּאַסירט אַזוי: אויף דער גענעראַלער רעפּעטיציע האָט דער טענאָר ערקלערט, דאָס ער איז נישט אימשטאַנד אויסצוזינגען דעם דועט. אַלע אַרטיסטען זענען אויך

גְעווען בײַ דיזער מײַנונג. מ א י ר ב ע ר איז האַלב טויט און ערשראָקען געקו־
מען צו זײַן פרײַנד ג ו ע ן און האָט זיך מַמָש צוּוויינט פאַר צרות, — „גוואַלד,
די גאַנצע אָפּערע וועט דורכפאַלען!” — האָט מ א י ר ב ע ר אויסגעשריען.
ג ו ע ן האָט איהם געראַטהען אויפשרײַבען אַ נײַעם דועט, און האָט שפּעט אין
דער נאַכט אויפגעזוכט אַ פּאָעט, וועלכער האָט אין עטליכע מינוט אויפגעשרי־
בען אַ פּאָר נײַע פערזען, צו וועלכע מ א י ר ב ע ר האָט ביז טאָג בעשאַפען דעם



מאירבער׳ס פרוי.

געווייסען ד ו ע ט. אַז ער האָט איהם אויף מאָרגען געבראַכט אין טעאַטר,
האָבען איהם אַלע אַרטיסטען פון גרויס ענטוזיאַזם געהאַפּט קושען. — „מיר זענען

פֿערזיכערט מיט ערפֿאָלג" — האָבען זיי אין איין קול אויסגעשריען.

היינע שרייבט איבער „הוגענאָטען": „מ א י ר ב ע ר איז אָהן אַ שום ספֿק דער גרעסטער פֿון די קאָנטראַפּונקטיסטען, איינער דער גרעסטער קינסטלער אין מוזיק. אין „הוגענאָטען" איז ער ארויסגעטראָטען מיט גאָר נייע פֿאָרמען, פֿאַר פֿרישע אונגעוועהנליכע מעלאָדיען. און ער וואַרפֿט זיי ניט אין אַנאַרכיסטישער פֿערשווענדונג, נאָר ער גיט זיי, ווען ער וויל, און אין דיזע ערטער, וואו זיי זענען נויטיג".

אין גיכען נאָך דער אויפֿפֿיהרונג פֿון „הוגענאָטען" האָט מ א י ר ב ע ר פֿאָרגענומען אַ קליינע לוסט־רייזע, בכדי צו פֿערבעסערען זיין געזונד. ער האָט בעזוכט באַדען־באַדען און איז אַריינגעפֿאָהרען קיין בערלין בעזוכען זיין ליעבע מוטער. דאָס מאָל האָט איהם בערלין זעהר פֿריינדליך אויפֿגענומען. און מיט זיין „הוגענאָטען" האָט ער איבערראַשט בערלינער פּובליקום. דער קעניג פֿרידריך ווילהעלם האָט איהם געשענקט דעם אָרדער Pour le merite און איהם פֿאָרגעלייגט פֿערנעמען די שטעלע פֿון גענעראַל־מוזיק־דירעקטאָר. מ א י ר ב ע ר האָט די שטעלע אָנגענומען, אָבער די 4000 מאַרק געהאַלט, האָט ער געשענקט פֿאַר דעם אָרקעסטער, ווייל ער האָט עס ניט נויטיג געהאַט.

מ א י ר ב ע ר איז אין דיזער צייט געוועזען דער ליעבלינג פֿון בערלין. ער פֿלעגט טאָגען און נעכטיגען אין קעניגליכען הויף; די פּרינצען און פּרינצעסען זענען געוועזען גרויסע מעלאָמאַנען און האָבען מ א י ר ב ע ר'ן פּשוט פֿערגעטערט, דאָך האָט איהם געצויגען קיין פּאַריז צום לייכטען קלימאַט, וועלכער איז געוועזען נוצליך פֿאַר זיין שוואַכען געזונד. אין בערלין האָט ער זיך געפֿיהלט ערגער, ווי אין פּאַריז, דערצו איז ער ווייט געוועזען פֿון דער נאַטור געאייגענט צו'ם לעבען פֿון אַ קעניגליכען הויף. וואו עס „אינטריגירט זיך פֿון פֿריה ביז נאַכט"... גאַנץ גיך האָט ער זיך ענטזאַגט פֿון זיין אַמט, בלייבענדיג נאָר ביי'ם טיטול, וועלכער ערלויבט איהם אָבפֿאָהרען קיין פּאַריז און קומען צייטענווייז קיין בערלין דיריזשירען זיינע אָפּערען און וויכטיגע קאָנצערטען.

ארום דיזער צייט האָט ער בעשאַפֿען מוזיק צו דער טראַגעדיע

„סטרועֶנזע", וועלכע איז איינע פֿון די בעסטע פּאָעטישע ווערק פֿון זיין פֿריהע געאַרבײַטעטע אונגליקליכען ברודער מיכאל בער.



## מאירבער.

(סטרועֶנזע איז געוועזען אַ ליבעראַלער מיניסטער פֿון דענעמאַרק, ער האָט געקעמפֿט געגען די יעזואיטען און איז בעקעמפֿט געוואָרען אין יאָהר 1772). דיזע אָפּערע איז אויפֿגעפֿיהרט געוואָרען צום ערשטען מאָל אין בערלין. זי האָט זיך אָבער ניט געהאַלטען לאַנג אויף דער ביהנע. נאָר איהר אָווערטורע ווערט עד היום אויסגעפֿיהרט אויף קאָנצערטען.

אין בערלין האָט מאירבער אויפֿגעשריבען אויך פֿיעל פּסאַלמען און

קאַנטאַטען. צו דער צײַט האָט ער אויפֿגעשריבען לכּבֿוד דער ערעפֿנונג פֿון נײַען בערלינער אָפּערען־הויז, אַ פּאַטריאָטישע אָפּערע „דער לאַגער אין סילעזיע". דיזע אָפּערע שילדערט געוויסע פּאַסירונגען אין לעבען פֿון פֿרידריך דעם גרויסען. בעמערקענדיג אָבער, אַז זי האָט ניט קיין ערפֿאָלג אין דײַטשלאַנד, האָט מאירבער פּרובירט מְשַׁנֶה שֵׁם זײַן די אָפּערע: אַנשטאָט „דער לאַגער אין סילעזיע" האָט ער איהר אַ נאָמען געגעבען: „דער נאָרד־שטערען" און האָט אויך געענדערט די נעמען פֿון אַלע העלדען פֿון דײַטשישע אויף רוסישע, אַנשטאָדט „פֿרידריך דער גרויסער" איז געוואָרען: „פּעטער דער גרויסער" און אַזוי ווײַטער. מאירבער האָט געוויס געהאַלטען פֿון דעם כּלל, מְשַׁנֶה שֵׁם — מְשַׁנֶה מַזָל... ליידער האָט עס אָבער ניט געהאָלפֿען.

30 יאָהר זענען דורכגעלאָפֿען פֿון זינט עס איז בעשאַפֿען געוואָרען די אָפּערע „הוגענאָטען", ביז מאירבער האָט פֿערפֿאַסט זײַן צווייטע דראַמאַטיש־היסטאָרישע אָפּערע „דער פּראָפֿעט". די ליברעטאָ איז אויך בעאַרבײַט געוואָרען פֿון סקריב'ן לויט זײַן אייגענעם פֿערשטאַנד און טיעפֿען געשמאַק. דער אינהאַלט שילדערט אַ פּאַסירונג אין דער דײַטשישער היסטאָריע: דער אויפֿשטאַנד פֿון די פּויערען געגען די פּריצים, אונטער דער פֿירונג פֿון דער רעליגיעזער סעקטע אַנאָבאַפּטיסטען, אין 16־יאָהרהונדערט.

די אָפּערע „דער פּראָפֿעט" מיט איהר אונגעהויערען ערפֿאָלג, האָט אויך אויפֿגעבראַכט גאַנצע פּאָלעמיקעס אין די צײַטונגען. אייניגע האָבען זי געהאַלטען נאָך פֿיעל העכער פֿון „הוגענאָטען". אַנדערע האָבען זי נידעריגער געשטעלט, זאָגאַר אין גאַנצען מבטל געווען. פֿיעל זענען אַרויסגעשפּרונגען אַקעגען מאירבער'ן פֿאַר זײַן צופֿיעל שטרעבען אין „פּראָפֿעט" נאָך שרײַענדע אויסערליכע דעקאָראַציאָנס־עפֿעקטען, מיט וועלכע דער „פּראָפֿעט" צייכענט זיך שטאַרק אויס... מאירבערס שטענדיגער געגנער, דער דײַטשישער קאָמפּאָזיטאָר שומאַן, האָט כּמעט ניט געקאָנט אויסהאַלטען דעם גרויסען ערפֿאָלג פֿון „פּראָפֿעט". ער האָט זיך געוואָרפֿען אויף אַלע זײַטען. אין די צײַטונגען און אין פֿערשיעדענע בריעף צו בעקאַנטע און מוזיקער, האָט ער נאָר געזועהען שפּעטען, און מאַכען צו גאָרניט די גאַנצע אָפּערע „פּראָפֿעט"; — אין זײַן ספֿר הזכרון האָט שומאַן אָנגעשריבען בלויז געצעהלטע ווערטער: „דער פּראָפֿעט"

אָפּערע פֿון דואַקאָמאַ מאיִרבער", און אונטער דיעזע ווערטער האָט ער געשטעלט אַ קרייץ, אַ סמן פֿון אָבגעשטאָרבען... אין אמת'ן איז שומאַן ניט גערעכט. די אָפּערע „פּראָפּעט" פֿערמאָגט אין זיך פֿיעל קינסטלעריִשע מעלות: שענהייט, טיעפֿע מעלאָדיען, שטאַרקען דראַמאַטיזם, און אַנ'אמת'ע אַבבילדונג פֿון די בעזונדער כאַראַקטערען.

מאיִרבער איז אַלט געוואָרען, זיין אָרגאַניזם איז אַזוי אָבגעשוואַכט געוואָרען, דאָס ער האָט געמוזט זוכען פֿערשיעדענע קור־ערטער וואו אויסצורוהען און פֿערשטאַרקען זיך. אין דיעזער צייט ווען אין זיין מח האָבען זיך שווינגעוועבט פּלענער וועגען דער ליבערטאָ „די אַפֿריקאַנערין" — האָט ער אָנגעשריבען דעם „פֿאַקעלטאַנץ" צו דער חתונה פֿון דער פּרייסישער פּרינצעסין קרים־טינע; אַ גרויסע קאַנטאַטע — לכבוד דער זילבערנער האָכצייט פֿון ווילהעלם IV; צו דעם אויפֿדעקונג פֿון פֿרידריך דעם גרויסען'ס מאָנומענט, האָט ער אָנגעשריבען אַ מוזיקאַלישע ווערק, וועלכעס האָט געהאַט איבעראַל ערפֿאָלג און וועלכעס האָט שפּעטער געהייסען „אָדע צו יופּיטער". די בערלינער קונסט־אַקאַדעמיע האָט דאַן מאיִרבער'ן אויסערוועהלט אַלס מיטגליעד, און די נידערלענדישע קעניגליכע אַקאַדעמיע האָט איהם אַריינגעשיקט אַנ'עהרען־דיפּלאָם. צוזאַמען מיט נאָך פֿיעל וויכטיגע זאַכען, האָט מאיִרבער פֿערפֿאַסט מוזיק צום 31־טען קאַפּיטעל תהלים לכבוד דעם געבורסטאָג פֿון זיין 87־יאָהריגער היים־ליבענדער מוטער. דעם 27־טען יוני 1854 איז דיעזע טייערע היסטאָרישע פֿרוי אָבגעשטאָרבען. מאיִרבער האָט זיך אַ לאַנגע צייט גאָרניט געקאָנט בערוהיגען און האָט ווידער געזוכט אַ טרייסט אין רעליגיעז־גייסטיגע מוזיק. ניט קוקענדיג אָבער אויף זיין שוואַכען קערפּער און עלטער, האָט מאיִרבער שפּעטער אויפֿגעשריבען אַ קאָמישע אָפּערע אין 3 אַקטען מיט'ן נאָמען „דינאָרע". דיזע אָפּערע איז גאָרניט עהנליך צו זיינע פֿריערדיגע אָפּערען. דער אינהאַלט איז ניט קיין היסטאָרישער, בלויז אַנ'אידילישער. דעם 4־טען אַפּריל 1859 איז זי אויפֿגעפֿיהרט געוואָרען אין פּאַריז צום ערשטען מאָל און איז באַלד בעליעבט געוואָרען איבעראַל. די הויפּט־ראָלע „דינאָרע" פֿאָדערט אונבעדינגט אַ גרויסע קאָלאָראַטור־סאָפּראַן שטימע. די וועלט בעריהמטע

זינגערען פ אַ ט י, איז געוועזען איינע פון די בעסטע אויספיהרערינס פון דער ראָ-
לע „דינאָרע".

אין פאַריז האָט מ א י ר ב ע ר פערפאַסט אַ קאַנטאַטע און אַ מאַרש צום ערעפנונג פון שילער'ס מאָנומענט. מ א י ר ב ע ר האָט זיך אויך פאָרגענומען שרייבען אַ סימפאָניע, אין וועלכער עס זאָל זיך אָבשפּיגלען דאָס גאַנצע לעבען פון דעם יונגען געטהע. זיינע אידעען און שאַרפע ליידענשאַפטען. דיזע סימפאָניע צוזאַמען מיט נאָך פיעל מוזיקאַלישע בילדער האָט געזאָלט דיענען אַלס אוווערטורע צו דער דראַמע „ג ע ט ה ע'ס י ו ג ע נ ד". מיט דער הילף פון אָרקעסטער און פערשטעלטע האָרען האָבען זיך פאָרגעשטעלט פאַר דעם יונגען ג ע ט ה ע'ס אויגען זיינע אַלע פערשידענע העלדען: פ ו י ס ט, מ אַ ר ג אַ ר י-
ט ע, מ י נ י אָ ן, דער ע ר ל ק ע נ י ג, א. ז. וו. מ א י ר ב ע ר האָט זעהר געגאַרט זיך פעראייניגען מיט'ן גרויסען פּאָעט'ס נאָמען, נאָר איבער געוויסע סבות זענען דיזע אַלע מוזיקאַלישע בילדער. צוזאַמען מיט זיינע אָנ'אָפּערע „יהודית" און נאָך פיעל מאַנוסקריפּטען זענען געבליבען ליגען עד היום ניט געריהרט צווישען די דאָקומענטען, וואָס מ א י ר ב ע ר האָט איבערגעלאָזט.

ארום דיזער צייט איז פערענדיגט געוואָרען די אָפּערע „די אַפריקאַנע-
רין" וועלכע מ א י ר ב ע ר האָט געהאַלטען אין אויסבעסערען אין אַ משך פון 20 יאָהר. מ א י ר ב ע ר האָט געזאָלט פאָהרען קיין ברימעל אויפזוכען גוטע און פעהיגע אַרטיסטען. ליידער איז ער דעם 26-טען אַפּריל 1864 פּלוצלונג ערנסט שוואַך געוואָרען. ליגענדיג שוין אויפ'ן טויטען בעט האָט מ א י ר ב ע ר נאָך אַלץ געטראַכט און געפּלאַנירט וועגען עפּעס נייע מוזיקאַלישע קאָמבינאַצי-
יעס; עס האָט זיך איהם ניט געגלויבט, דאָס ער וועט באַלד פערלאָזען די גאַנ-
צע וועלט, מיט אַלע זיינע אָפּערען; מיט זיין גאַנצען רוהם און כבוד, און דאָ האָט זיך ערשט איהם ענטפּלעקט נייע וועגען, נייע אויפטועכצען, נייע עפּעק-
טען, פרישע מוזיקאַלישע פאַרבען און פאָרמען. און די ענערגיע איז שטאַרק, נאָר איין קליין ביסעל כח האָט געפעהלט... דער דאָקטאָר ר י ע ר, וועלענדיג מוטהיגער מאַכען דעם שטערבענדען מ א י ר ב ע ר'ן, האָט איהם זעהר גע-
לויבט און געאַכטעט זיינע אָפּערען.

— „אַה, ווי גוט און געטריי איהר זענט, דאָקטאָר"! — האָט מ א י ר-

בער געגענטפערט – ווען איהר וואלט נאך געוואוסט וויפיעל איך האב נאך דא (אנוויינענדיג אויפ'ן שטערען) געדאנקען און פלענער"!

עס איז אבער דער וועלט ניט בעשערט געווען צוגעניסען פון דיזע געדאנקען און פלענער. דער טויט האט דאס ניט דערלאזט. זונטאג אבענד 8 דעם זייגער, האט מאירבער געבעטען, אלע זאלען פערלאזען זיין צימער בכדי ער זאל קענען רוהיג איינשלאפען... „צום ווידערזעהן, איך ווינש אייך אלע א גוטע נאכט" – זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער. אין אפאר שעה ארום האט מאירבערס געניאלע נשמה אנגעפאנגען ארויסצוציהען זיך פון דעם שוואכען קערפער. מאנטאג, דעם 2-טען מאי 5 א זייגער מיט 40 מינוט פריה איז מאירבער שטיל רוהיג אבגעשטארבען, אין עלטער פון 73 יאהר. נאך זיין טויט, האט מען געעפענט א פערחתמה'טען בריעף, אין וועלכען מאירבער בעט מען זאל איהם האלטען ביז דער קבורה 4 טעג. ער האט זעהר מורא געהאט, מען זאל איהם ניט בעהאלטען לעבעדיגערהייד. און פיליכט איז מעגליך ער זאל נאך לעבעדיג ווערען און קענען אויספיהרען זיינע גרויסע מוזיק-פלענער... דאס האט מען מקיים געווען און זיין טויטער קערפער איז געשטאנען ביי איהם אין צימער 4 טעג און גאנץ פאריז איז געגאנגען אנקוקען דעם צערטליכען גוף און אבגעבען מאירבערן דעם לעצטען כבוד.

ארום 12 א זייגער. אין דעם טאג פון דער קבורה, זענען אנגעקומען א מאסע דעפוטאציעס פון אלע פערשיעדענע פאריזער אנשטאלטען. אייגס דעם זייגער האט זיך אנגעפאנגען די לויה, פון מאירבער'ס וואהנונג צום באהן-וואגזאל, מאירבער האט אין זיין צוואה געפאדערט. מען זאל איהם בעהאלטען נעבען זיינע עלטערען אין בערלין. גרויסארטיג האט אויסגעזעהן די טרויעריגע לויה. פאראויס איז געגאנגען דער ראבינער, הינטער איהם – דער גאנצער פערסאנאל פון דער סינאגאגע. די צערעמאניאלמייסטערס האבען געטראגען אלע אָרדערען, וועלכע מאירבער האט אין זיין לעבען ערהאלטען. הינטען האט זיך געצויגען דער אָרון, בעדעקט מיט א שווארצען טוך, בעשאטען מיט שטערענדליך און בעלעגט מיט בלומען און אהן א צאל קראנצען, דער אָרון איז געווען איינגעשפאנט צו 6 פערד. וועלכע זענען געווען אין שווארצען אנגעצויגען און מיט קווייטלעך בעפוצט און פערציהט. הינטערן



## מאירבער אויף דער עלטער.

ארון זענען געגאנגען אלע דעפוטאציעס מיט זייערע צעך-פלאגען אין ד. הענד. אויפ'ן מאדעל-בולוואר, האט בעגעגענט דעם ארון א דעפוטאציע פון פאריזער דאמען, וועלכע האבען דעם ארון בעלעגט מיט בוקעטען, קראנצען און לעבע-דיגע בלומען. בעת דער גאנצער צייט פון דער לויה, האבען פערשידענע ארקעסטערען געשפילט די מארשען פון מ א י ר ב ע ר ס פערשידענע אפערען. אזוי האט זיך די פאראדנע גרויסע לויה געצויגען איבער פאריזער גאסען ביז זעם וואקזאל. דער וואקזאל איז אויך געוועזען מיט טרויער בעהאנגען און אויסגעפוצט, אינוועניג זענען אלע ווענד געוועזען מיט לענטעס בעהאנגען, פון וועלכע עס האבען אבגעגלאנצט די נעמען פון מ א י ר ב ע ר'ס אלע מייסטער-ווערק. באלד ווי מען האט געמאכט מ א י ר ב ע ר'ן אן אזכרה אויף העברע-

איש און אויף פראנצויזיש, האבען די גרעסטע פאריזער געלערנטע געהאלטען רעדעס, אין וועלכע זיי האבען געשילדערט דעם גרויסען ווערט פון דעם געשטארבענעם קינסטלער. נאכהער האט מען דעם ארון אוועקגעשיקט מיט אן עקסטרא צוג קיין בערלין.

אין בערלין איז מאירבער'ס קבורה פארגעקומען מיט אזא פאראד ווי אין פאריז. ביי דער אנוועזענהייט פון די מיטגליעדער פון דער קייזערליכער פאמיליע, די קאנסולען פון אלע לענדער, דעפוטאציעס פון אלע טעאטערען און לעהרע-אנשטאלטען, קינסטלער און ליטעראטען — איז מאירבער בעהאלטען געווארען אין קבר פון זיינע עלטערען אויף בערלינער יידישען בית הקברות. אויפ'ן קבר האט געהאלטען א הייסע און א גלענצענדע רעדע דער קרעסלאווער ראבינער ד"ר פילאזאף יאזעל, אין וועלכער ער האט אויסגעוויזען דאס די רעליגיאן האלט קיינמאל ניט אב דעם יידען פון צו נעמען אן אנטייל אין דער ענטוויקלונג פון דער אלגעמיינער מענשהייט א. ז. וו.

נאך מאירבערס טויט האט מען אין גאנץ אייראפע און אמעריקע געמאכט פערשיעדענע מאירבער-אבענדען, מיט לעבעדיגע בילדער, וועלכע האבען פארגעשטעלט אלע העלדען, וואס קומען פאר אין זיינע אפערען. מאירבער'ס ביוסט איז אריינגעשטעלט געווארען אין אלע טעאטער'ס, פיל-הארמאניעס, און קאנצערט-זאלען.

מאירבער'ן איז ניט באשערט געווען זיין אויף דער חתונה פון זיין אפערע „אפריקאנערין" וועלכע איז ערשט א יאהר נאך זיין טויט אויסגעפיהרט געווארען אויף פאריזער אפערען-ביהנע. דער סטיל מוזיק פון „די אפריקאנערין" איז ענהליך צו „הוגענאטען". מאירבערס מייסטערהאפטע האנד און מעלאדישער טאלענט ערשיינט אין דער אפערע אזוי טיפיש, דאס „די מוזיק טראגט אונז איבער אהן דער הילף פון די ווערטער אין דאס בליהענדע לאנד. דער קאלאריט פון דעם נארד, דער בלומען וואהלגערוך, בלאזט אויף אונז פון אלע סצענעס, וועלכע שטעלען פאר אינדיען, אין דיזער אפערע.

דער גרויסער ערפאלג פון „אפריקאנערין" האט ווידער ארויסגערופען פון די לעבער אלע זיינע פריהעריגע געגנער. דאס פובליקום איז געווען אבער תמיד מאירבער'ס בעסטער פריינד און אויך עד היום ווערען מאירבער'ס

אַלע אָפּערען אויסגעפיהרט מיט'ן גרעסטען ערפאָלג און דאָס פובליקום קאָן אָן זיי עבּיג ניט פערגעסען.

מאירבער אַלס אָפּערען-קאָמפּאָזיטאָר איז פערשיעדענע סטילען איז דער גרעסטער פאָרשטעהער פון דער פראַנצויזישער גרויסער אָפּערע. זיין פערדיענסט בעשטעהט אויך אין דעם, וואָס ער האָט איבערגעטראָגען די אָפּערע פון די אַלטע מיטאָלאָגישע טהעמען, אויף אַ היסטאָרישען גרונד. ער האָט בעשאַפען די ערשטע העלדען-מוזיקאַלישע דראַמע. נאָך מאירבער'ן האָט שוין געקענט עקזיסטירען וואַגנער. דעריבער זעהען אויס זעהר נאַריש וואַגנערס שפעטערדיגע אָנפאַלען אויף מאירבער'ן, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס מאירבער האָט איהם פראָטעזשירט און איהם געמאַכט פּאָפּולער.

מאירבער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט פיעל הומאַנישע זיטען. אין דיעזען הינזיכט איז ער געווען געראָטען אין זיין מוטער. תמיד איז ער געווען איבערגעגעבען צו זיינע קאָלעגען, און האָט יעדען מיטגעהאָלפען מיט גרויסע געלד-סומען. אַליין האָט ער זיך געפיהרט שפּאַרזאַם. אַז מען האָט איהם אין פּאַריז געפרעגט, פאַרוואָס ער טראָגט אַנ'אָבגעטראָגענעם פּאַלטאָ, האָט ער אויף דעם געענטפערט: איך בין אַנ'אַרטיסט... איך בין צופריעדען דער מיט אַליין וואָס פון 7 יאָהריגען עלטער, האָב איך געקענט שוין עקזיסטירען אויפ'ן רעכנונג פון מיין טאַלענט. אין בערלין האָב איך אַ גאַנצען גוט, וועלכער פאַכט פאַר מיין רייכטהום; דאָ וויל איך זיך ניט האַלטען גרעסער פאַר מיינע קאָלעגען און שפּיעלען אַ ראָלע פון אַ רייכען.

מאירבער איז געוועזען מעהר לייסטונגספעהיג דַוְקא ביי אַ שלעכטען וועטער, איבערהויפּט פלעגט זיך זיין שעפּפונגסקראַפט ערוואַכען בשעת דונערען, בליצען און שטורם. אין אַ שלעכטען וועטער האָט איהם קיינער ניט געקענט זעהען, ער פלעגט דאַמאָלס פלייסיג אַרבייטען. „אויב איהר ווילט זעהען מאירבער'ן — פלעגט דער שווייצער ענטפערען — קומט אין אַ שענעם טאָג, ער בעוויזט זיך נאָר מיט דער זון" ...

מאירבער איז געווען אַ שטיקעל אַבערגלויבער, ער איז ניט געווען פויל צו בענוצען וויבערשע תחבולות ביי'ם אויספיהרען דאָס ערשטע מאָל זיינע אַ נייע אָפּערע, כדי זי זאָל נישט דורכפאַלען. מען זאָגט, דאָס מאירבער

פֿלעגט אויך פֿאָהרען פֿאַר יעדע נײַע אָפּערע צו דער געוויסער טרעפֿערין ל עָ־ג אָ ר אַ ם... ער פֿלעגט אויך פֿרעגען אַ מיינונג וועגען זײַנע אָפּערען בײַ יעדע־דען, אַפֿילו בײַ קינדער, און פֿלעגט זיך שטאַרק רעכענען מיט דער מיינונג פֿון ווײַטיגע מענשען. ער פֿלעגט זיך אַפֿילו בעראַטען מיט'ן געוויסען קליאַקער אָ ג י ו ס.

דיזער „הערקולעס", מיט אַ פּאָר ברייטע הענד, איז געווען דער קאָפּ פֿון דער פּאַרטיי „קליאַקער'ס", וועלכע איז געווען גוט אָרגאַניזירט אין פּאַריז, און פֿלעגט אײַנברענגען הכנסה ביז 40,000 פֿראַנק יעהרליך. אָ ג י ו ס פֿלעגט קומען אין טעאַטער תּמיד אָנגעצויגען אין אַ העל־שרײַענדען אַנצוג, בכדי זײַנע מיטגליעדער זאָלען איהם דערקענען און קענען גוט נאָכשפּירען זײַנע סיגנאַלען אין געוויסע מאָמענטען... די פֿערהעלטעניס פֿון אַלע דירעקטאָרען, זינגער, אַרטיסטען צו אָ ג י ו ס ע ן, איז געווען אַ פֿרײַנדליכע, אַ בכבודיגע. איבער־הויפּט האָבען זיי איהם ניט פֿערגעסען אין דעם טאָג פֿון זייער „דעביוט" אָדער „בענעפֿיס"... אָ ג י ו ס פֿלעגט זײַן בעת אַלע רעפּעטיציעס און פֿלעגט זאָגען אַ שטאַרקע דעה... איין מאָהל האָט אָ ג י ו ס איבערגעריסען אַ לאַנגע אַריע אויף מ אַ י ר ב ע ר'ס אַ רעפּעטיציע. — עס איז אַ געפֿערליכער נאָמער — האָט אָ ג י ו ס אויסגעשריען. עס איז צו לאַנג!

— איהר רעכענט אַזוי? — האָט מ אַ י ר ב ע ר ערנסט געפֿרעגט.

— איך בין זיכער! — האָט די קאָפּ פֿון די קליאַקערס געענטפֿערט — אויב אײַערע פֿרײַנד אין טעאַטער וועלען אונטערהאַלטען, וועל איך הייסען מײַנע לײַט נאָכפֿאָלגען. איך קען אָבער ניט ערב זײַן...

— אויף אַזאַ אופֿן — האָט מ אַ י ר ב ע ר געזאָגט: — פֿערקירצט איהם'. איהר זענט מעהר קאָמפּעטענט אין דעם ווי איך...

אין פּאַריז האָט אויך עקזיסטירט אַ חבֿרה „גענעצער", וועלכע פֿלעגען האַלטען, ווען זיי פֿלעגען וועלען, אין איין גענעצען בעת'ן שפּיעלען, בכדי צו וואַרפֿען אַ פֿוילקייט, אַ שלאָף, אַ לאַנגווײַליקייט אויף די צושויער און דאַמיט בעגראָבען די נײַע אָפּערע... פֿערשטעהט זיך, דאָס זיי פֿלעגען נעהמען גוט בעצאָהלט פֿאַר אַזאַ מין אַרבייט. מ אַ י ר ב ע ר האָט זיך, ליידער, אויך אָפֿט בענוצט מיט דעם מיטעל, ווען ער האָט געוואָלט שלעכט ווירקען אויף דעם

ערפאָלג, פון זיינעם אַ קאָנקורענט'ס אַנ'אָפּערע. נאָך מעהר: ער פלעגט אַליין קומען אין זיין לאָזשע, און ווען ער איז געווען זיכער, אַז דאָס גאַנצע פובליקום לאָרנעטירט איהם, האָט ער זיך פּלוצלונג אָנגעשפּאַרט אויפ'ן שטוהל און זיך געמאַכט ווי ער איז זעהר געשמאַק איינגעשלאָפען, די אָפּערע נעהמט איהם גאָר ניט... אַזוי האָט ער אויך געטהון ווען מען האָט געשפּיעלט ראָסיניס אָפּערע „סעמיראַמידאַ" ... אַלע מיטלען זענען געווען רעכט פאַר מאירבער'ן, אַבי זיך צוערווערבען רוהם און גרויסקייט, און דיזע שטרעבונג איז געווען ביי מאירבער'ן איינגעוואָרצעלט פון קינדהייט אָן.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער איז געבאָרען ביי רייכע עלטערען, און געלד האָט איהם קיינמאָל ניט געפעלט, דאָך האָט ער זיך איבערגעגעבען צום לערנען, און ניט ווי אַנדערע, צו לעבען אַ גוטען טאָג. אויסער מוזיק, האָט מאירבער אויך בעזעסען אַלגעמיינע בילדונג. ער האָט גוט בעהערשט עטליכע איראָפּעאישע שפּראַכען, און האָט געקענט זייער ליטעראַטור. ער האָט אויך פערשטאַנען העבּרעאיש, פלעגט אימער לערנען און לעזען.




פאַקסימיליע (האַנדשריפט) פון מאירבער.

אַ פאַקט איז, דאָס בעת ער האָט געוואָהנט אין איטאַליען, ווען ער איז געווען יונג און שען, דערצו אַ קאָמפּאָזיטאָר מיט הצלחה... זענען איהם

די איטאַליעניִשע ברונעטקעס נאָכגעלאָפען אין די גאַסען, ער פלעגט זיין בע־שאָטען מיט ליעבע בריעף און מיט רייצענדע קאָמפּלימענטען. ער האָט זיך אָבער געהאַלטען פון דעם אַלעמען פרעמד, און בלויז געווען אַריינגעטהון אין לעהרע און אין אַרבייט.

מ א י ר ב ע ר האָט אין דער יוגענד געהאַט אַ שילערין, זעהר אַ שענע אַריסטאָקראַטישע דאַמע, וועלכע, ווי עס ווייזט אויס, איז צו מ א י ר ב ע ר'ן געווען ניט גלייכגילטיג... אין איין שענעם פריהמאָרגען, קומט צו מ א י ר ב ע ר'ן אַ מאַרקיז און רופט איהם אַרויס אויף אַ דועל. מ א י ר ב ע ר האָט פאַרוואָרפען הענד און פיס ניט וויסענדיג וואָס און ווען. דאַן האָט דער מאַרקיז איהם ערקלערט, דאָס ער, — מ א י ר ב ע ר, איז די סבה איבער וועלכע די שענע דאַמע איז צו'ם מאַרקיז קעלטער געוואָרען... מ א י ר ב ע ר האָט געמוזט געבען דעם מאַרקיז דאָס עהרען־וואָרט, דאָס ער האָט קיין שום געדאַנק חתונה האָבען מיט דער שענער דאַמע, אַ בעווייז, דאָס ער פאָרט אין גאַנצען אָב פון איטאַליען.

בעת מ א י ר ב ע ר האָט אין יאָהר 1818 געשטעלט אין פ א ד ו זיין אָפּערע „ר אָ מ י ל ד אַ", האָט זיך די פּרימאַדאָנע אַריינגענומען אַ געדאַנק אין קאָפּ, דאָס זי מוז חתונה האָבען פאַר מ א י ר ב ע ר'ן, און אויב עס איז מעגליך — נאָך פאַר דער פאָרשטעלונג... מ א י ר ב ע ר, בעמערקענדיג איהר ניט־גלייכגילטיגקייט צו איהם, האָט זיך געהאַלטען שטרענגער און מעהר איינגעהאַלטענער צו איהר. דער סוף איז געווען פאָלגענדער: עס איז געקומען די ערשטע פאָרשטעלונג, דאָס טעאַטער איז געווען איבערפול, דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבען, אָבער אַ צרה האָט געטראָפען! די זינגער זינגען גלייך ווי דער בויך וואָלט זיי וועה געטהון, די פלייטען קוויטשען, די וואַלדהאָרנ'ס, טראָמפּייטען, פאַלען אַריין פריהער, דער באַראַבאַן אַפילו, איז אויך געווען ווי צעדולט, און זיך ניט געהאַלטען אין טאַקט, צופאַלענדיג תמיד שפּעטער, ווען מען דאַרף איהם שוין ניט... דאָס פּובליקום האָט גאָרניט געקענט פערשטעהן, וואָס דאָס איז פאַר אַ מין מוזיק און האָט אָנגעפאַנגען גענעצען... ערשט שפּעטער, האָט מען זיך דערוואוסט, אַז די פּרימאַדאָנע—וועלכע האָט געהאַט אַ שטאַרקען איינפלוס אויף די אַרטיסטען און אויף די מיטגלידער פון אָרקעסטער—האָט

זיך דערמיט נוקם געווען אָן מאירבער'ן פאַר זײַן ניט וועלען אָננעהמען איהר פאָרשלאַג...

מאירבער'ס לײַדענשאַפטליכע איבערגעבונג צו מוזיק און קונסט האָט זעהר אָבגעשוואַכט זײַן קערפּער. היינע, גלײַכט מאירבער'ן צו אַ ליכט, וועלכע לײַכטענדיג דעם צווייטען, געהט אַלײן אויס.

מאירבער איז געווען דער גרעסטער און שטאַרקסטער פֿײַנד פון כאַלשע טענער. מען דערצעהלט, דאָס ער האָט ניט געליטען קיין קעץ און זייערע קאָנצערטען... עס איז גענוג געווען אַ קאַץ זאָל אַרײַן אין צימער, אַז מאירבער זאָל אַנטלויפען און פאַלען אין חלשות... איך בין זיכער — זאָגט היינע — דאָס מאירבער וואָלט זיך מקריב געווען איבער אַ מוזיקאַלישע פראַזע, פונקט ווי אַנדערע פאַנאַטיקער — איבער זייער רעליגיע.

מאירבער'ס רעליגיע, איז די זעלבע וואָס מאָצאַרט'ס, גליוק'ס, בעטהאָווען'ס, דאָס איז — „מוזיק"; אין איהר האָט מאירבער געגלויבט און איז אויך געווען דער אַפּאָסטאָל פון דיזער רעליגיע.

מאירבער'ס שאַרפער אויער און מוזיקאַלישער אינסטינקט איז געווען אונגעהויער גרויס. זעהר שאַרפזיניג שרײַבט היינע, דאָס: אויב בשעת תחית המתים, ווען דער מלאך מיט'ן טראָמפּייט בעהמען אַ פאַלשען טאָן, וועט זיך אונזער מאירבער בלײַבען ליגען רוהיג, און זיין גאַנצען ניט וועלען אויפשטעהן פון קבר!...

# קאָמפּאָזיטאָר זשאַק פראָמענטאַל

# אֵלִיָהוּ הַלֵוִי.

נאָך מאיערבער'ן איז ה ל ו י דער צווייטער יידישער קאָמפּאָזיטאָר, וועלכער רעכענט זיך אַלס פאָרשטעהער פון דער פראַנצויזישער גרויסער אָפּערע, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס ער, פונקט ווי מאיבער, האָט געשטאַמט נישט פון פראַנקרייך גופא, נאָר פון דייטשלאַנד.

אויב מיר שטאָלציערען מיט מאיערבערן נאָר דערפאַר, וואָס ער איז אַ ייד, חאָטש באמת הערט זיך אין זיינע אָפּערען זעהר זעלטען אַ יידישער טאָן און חאַראַקטער, קאָנען מיר מיט ה ל ו י'ן פיעל מעהר שטאָלציערען, ווייל אַלע זיינע אָפּערען זענען דורכגעדרונגען מיט'ן יידישען גייסט און יידישען מח.



אליהו פראָמענטאַל הלוי

מאיערבער האָט זיך געחאַפּט בלויז צו פרעמדע ליברעטען, צו פּראָטעסטאַנטישע און קאַטוילישע. ה ל ו י. אָבער האָט אויך בעאַרבייט פיעל יידישע טעמען, און מיט זיין אָפּערע „די יידין" — „Жидовка", וועלכע האָט זיך פערפעסטיגט אַנ'אָרט אין דעם אַלוועלטליכען אָפּערען-רעפּערטואַר, האָט ער פערעביגט די גרויזאַמע הישפּאַנישע אינקוויזיציאָן. מיט דיעזער אָפּערע ענפלעקט

ער פאר אלע ציוויליזירטע פעלקער די גאנצע שעדליכקייט און ניעדערטרעכטיגקייט פון דער יודישער פערפאלגונג צוליעב זייער אמונה און נאציע,

הלוי׳ס עלטערען האבען געוואוינט אין באיערען, אין דער שטאדט פיורט, נאכהער האבען זיי זיך בעזעצט אין פאריז. זיין פאטער איז געוועזען אין זיין צייט א בעוואוסטער העברעאישער פאעט. זיינם אליעד איז געזונגען געווארען דעם 11-טען נאוועמבער יאהר 1801 אין דער פאריזער סינאגאגע, כבוד באנאפארטען. אויך זיין יינגערער ברודער, לעאן הלוי, איז אויך געוועזען א ליטעראט.

דער קאמפאזיטאר אליהו הלוי איז געבארען געווארען אין פאריז דעם 23-טען מאי יאהר 1799.

נאך גאר אין די יונגע יאהרען, איז הלוי אריינגעקומען אין פאריזער קאנסערוואטאריום און האט זיך זעהר פלייסיג געלערענט ביי די גרויסע פראפעסארען: קאזא, קאליבער, בערטאן, און ביי דעם געריהמטען קערוביני. אין 1819 האט ער אנגעשריבען די ערשטע קאנטאטע „גערמאניע“, פאר וועלכע ער האט געקריגען פון דער רעגירונג א סטיפענדיום. באלד האט זיך הלוי אויך געלאזט קיין רוים, וואו ער האט לאנג געשטודירט און פראקטיצירט ביי דעם בעריהמטען און טאלענטפאלען קאפעלמייסטער פון דעם פאפס' קירכע, דיוזעפע באאיני.

אין יאהר 1822 איז הלוי צוריקגעקומען קיין פאריז און האט זיך איבערגעגעבען אין גאנצען צו זיין שעפפונגס-ארבייט. זיינע ערשטע אפערען: „Bohemiens“, „Pygmalion“ האבען דוקא ניט געמאכט דעם גרויסען רושם, דערפאר אבער האט געהאט גרויס ערפאלג זיין קאמישע אפערע „L'artisane“, וועלכע איז אויפגעפיהרט געווארען צו׳ם ערשטען מאל אין יאהר 1827. פון דיזער אפערע אן האט זיך פאר איהם געעפענט א נייער וועג, ער האט בעשאפען איינע נאך דער אנדערע, זעהר פיעל אפערען, וועלכע האבען איבעראל געהאט ערפאלג און געמאכט הלוין דעם גרויסען נאמען.

שטורמיש האט הלוי גענומען די גאנצע מוזיקאלישע וועלט, אפילו אויך זיינע געגנער, מיט זיין אויבענדערמאנטער אפערע „די יודין“.

א חוץ די אומגעלומפערטע עפעקטען, מיט וועלכע דער ליברעטיסט

סקריב האָט פֿערשטאַרקט די ליברעטע, וועלכע זעהען אויס אביסעל קאָמיש ביי אַ הײַנטיגען ליברעטיסט און דראַמאַטורג, איז די אָפּערע אַנ'אמת'ער פּערעל אין דעם אַלטען אָפּערען-רעפּערטואַר; דער ערשטער אַקט איז זעהר אָריגינעל און שטאַרק; אין פֿינאַל פֿון דעם ערשטען אַקט, בעת דער פּראָצעסיע, האָט ה ל ו י בעוויזען אַזוי פֿיעל קראַפֿט, וואָס קיין פראַנצויזישער קאָמפּאָזיטאָר האָט דאָס ניט בעוויזען.

אַ גרויסען חלק אין דעם ערפֿאָלג פֿון דיזער אָפּערע נעהמען די אַלטע שענע יידישע מעלאָדיען, מיט וועלכע ה ל ו י האָט זיך בענוצט, און אין וועלכע עס קלינגט לײַדענשאַפֿטליכע וואַרעמע יידישע רעליגיעזע געפֿיהלען. דיזע גאָר אַלטע יידישע מעלאָדיען זינגען מעלאָדיש אַרוים זייער פּראָטעסט אויף דער עבינער פֿערפֿאָלגונג און פֿערהאַסונג צו'ם יידישען פֿאָלק, פֿאַר זײַנע אַלטע רעליגיעזע איבערצײַגונגען.

אין 2-טען אַקט, ווען אליעזר מיט זיין הויזגעזינד און בעהאַלטענע יידען ריכטען אָב דעם סדר, ווערט דער צושויער איבערגעטראָגען אין אַנ'עכט יידיש בעל הבתישער שטוב. רחל, אליעזר'ס טאָכטער, שטעלט ניט פֿאָר אַ הײַנטוועלטיגע קאָקעטקע, וועלכע פֿערגעסט צוליעב ליעבע איהרע עלטערען צוזאַמען מיט זייער גלויבען, — אין איהר נשמה פֿעראייניגט זיך ליעבע צו איהר פֿאָטער און פֿעסטער גלויבען אין דער יידישער רעליגיאָן. גוטמיהטיג וואַרפֿט זי זיך — אין לעצטען אַקט — אין פֿײַער אַרײַן, ניט וועלענדיג פֿערבײַטען איהרע הייסע אידעאַלען.

די סאָלאָ-געזאַנגען פֿון אליעזר און חאָרבעגלייטונג בײַ'ם קידוש פֿון סדר בעריהרען שטאַרק די פֿערבאָרגענע סטרונעס פֿון דער יידישער נשמה. (עס וואָלט זעהר שען און פֿאָלקסטימליך געווען, ווען אונזערע חזנים און קאַנטאָרען, אויפֿ'ן אָרט פֿון דרעהען קאָפּשמערצען און טאַנצען ווילד אויף אַ שטריק, מאַכענדיג משוגע'נע הוות בעת'ן קידוש שבת און יום טוב, זאָלען זיי בעסער אײַנזינגען דעם שענעם און געלאַסענעם קידוש, וואָס ה ל ו י האָט בעשאַפֿען פֿאַר אליעזר'ן, עס וואָלט געווען אמת פֿאָלקסטימליך, שבת'דיג, און יידיש).

זעהר דיהרענד איז די סצענע, ווען אין מיטען סדר לאָזט זיך הערען

קלאַפּערײַען אין טהיר און קולות: עפענט! עפענט! די גאַנצע סצענע איז אָנגעפּילט מיט טוידט־שרעק, מאָמענטאַל ווערט פערשטערט די גאַנצע יידישע הײמליכקײט פון פסח'דיגען סדר! די ליכט ווערען גיך אויסגעלאָשען, די טישען צעוואָרפען און דאָס יום־טוב'דיג פסח־שטוב פערוואַנדעלט זיך פּלוצלונג אין אַ וואָכעדיג אַרבײטס־צימער. אַ גרויסען ווערט האָט אין דיעזער אָפּערע די אַריע „רחל“, וואָס אליעזר זינגט צו ענדע דעם דריטען אַקט, אין וועלכער ער בעדויערט הויפּטזעכליך רחל'ן אויף איהר פּלוצלונגען און פריהצײטיגען טוידט, וועלכער ערוואַרטעט איהר.

אויסער דער אָפּערע „די יידין“, האָט הלוי פערפאַסט אַ צווייטע אָפּערע, אויך אויף אַ יידישער ליברעטע, מיט'ן נאָמען „Le juisf errant“ („דער עוויגער ייד“). אין דיעזער אָפּערע, בעלײַכטעט הלוי מוזיקאַליש די גאַנצע יידיש־סאָציאַלע פראַגע.

אַ גרויסען מוזיקאַלישען ווערט האָט אויך הלוי'ס פרעהליך און לעבהאַפטיגע אָפּערע: „דער בליץ“; „די קעניגען פון קיפר“; „די דושומע אין פּואַנקרײַך“; אויך זײַן קאָמישע אָפּערע: „קעניגען'ס פלינטענשיסעריג'ס, און „קאַרל VI.

הלוי האָט אויסער אָפּערען געשריעבען פיעל קאָנטאַטען, כאָראַלען פאַר מענער־כאָרען, ראָמאַנסען, נאָקטיורען, סאָנאַטען פאַר פּיאַנאָ אין פיער הענד, און נאָך פיעל קלענערע זאַכען.

ניט קוקענדיג אויף זײַן גרויסען אָרט, וועלכען ער האָט פערנומען אין דער פרײַער מוזיקאַלישער וועלט, האָט הלוי זיך ניט געשעמט און האָט אָנגעשריעבען פיעל קאָמפּאָזיציאָנען אויף העברעאישען טעקסט פאַר דער סינאַגאָגע, וועלכע זענען פריהער געזונגען געוואָרען אין פּאַריזער סינאַגאָגע, און נאָכהער אויך אין פיעל אַנדערע. דיעזע קאָמפּאָזיציאָנען זענען רעליגיעז־אינהאַלטס־רײַך און יידיש פאָלקסטימליך.

הלוי האָט אויך פערטראָטען וויכטיגע און גרויסע שטעלען, אין יאָהר 1827 איז ער בעשטימט געוואָרען אַלס פּראָפעסאָר אין פּאַריזער קאָנסערוואַטאָריום, שפּעטער מיט 2 יאָהר איז ער געוואָרען דירעזשאָר פון פּאַריזער גרויסער אָפּערע. אין יאָהר 1840, האָט דער אָרלעאַנישער הערצאָג בעשטימט

הלוי'ן פֿאַר זיין פּריוואַטען קאַפּעלמייסטער. און אין 1844 האָט די קונסט־אַקאַדעמיע איהם אויסערוועהלט פֿאַר אַ וויצע־פּרעזעס. זייענדיג אויף דיעזער שטעלע, איז הלוי'ן אויסגעקומען פֿיעל מאָל ארויסצוטרעטען עפֿענטליך, אַלס אָראַטאָר, און תּמיד זענען זיינע רעדעס געוועזען שען, טיעפֿזיניג און האָבען געמאַכט אַ גוטען איינדרוק.

הלוי איז געוועזען זעהר אַ סימפּאַטישער מענש מיט גוטע מדות און מיט אַ מ'עדעלעם האַרץ. דערפֿאַר האָבען איהם אַלע געליעבט, געעהרט און געאַכטעט. די בעריהמטע קאָמפּאָזיטאָרען אָבער און טהאָם, זענען געוועזען זיינע בעסטע קאָלעגען. זיינע תּלמידים: גונאָד, (דער אויטאָר פֿון די אָפּע־רען „פֿויסט", „ראָמעאָ און יוליע"); מאַסענעט (דער אויטאָר פֿון די אָפּע־רען „מאַנאָן" „ווערטער"), באַזיני און ז של קאָגען, האָבען ביי איהם געטאָגט און געבעטיגט. ווען הלוי האָט ענטדעקט ביי זיינעם אַ תּלמיד אַן אמת'ן טאַלענט, האָט ער זיך געשעצט גליקליך און זיך איבערגעגעבען מיט ליבּ און לעבען צו דער קינסטלערישער און גייסטיגער ענטוויקלונג פֿון דיעזען תּלמיד.

הלוי'ס גוטהאַרציגקייט האָט זיך ניט בעוויזען בלויז צו מוזיקער אַליין, נאָר אויך צו יעדען נויטבעדערפֿטיגען און ליידענדען. ווער עס האָט זיך נאָר בעווענדעט צו הלוי נאָך הילף, דעם האָט ער געזעהען העלפֿען מיט עצות און מיט געלט. און האָטש זיין באַרעמהערציגקייט פֿלעגט אָפֿט עקספּלאָאַטירט ווערען דורך ניעדערטרעכטיגע מענשען, האָט דאָס איהם אָבער ניט אָבגעהאַלטען פֿון צו טהון זייניגעס, ווי זיין געוויסען האָט איהם אָנגעוויזען, און ווי דאָס האַרץ האָט איהם דיקטירט.

די געשיכטע ברענגט פֿאָלגענדען פֿאַקט:

איינער אַ יונגער מאַן האָט שריפֿטליך געמאָלדען הלוי'ן, דאָס די ביטערע נויט צווינגט איהם צו נעהמען זיך דאָס לעבען. דער גוטהערציגער הלוי האָט באַלד אָבגעשריבען דעם יונגען מאַן פֿאָלגענדע ווערטע:

„גענעדיגער העրר, איך אייל מיר אייך ענטפֿערן אויף אייער בריעף. גיט זיך ניט אונטער אייערע שלעכטע געדאַנקען! ניט זייענדיג מיט אייך בעקאַנט, בעשווער איך אייך, איהר זאָלט דאָס ניט טהון! איך דאַנק אייך פֿאַר

אײַער צוטרוי צו מיר, אָבער דאָס צוטרוי דאַרף זײַן גאַנץ. בײַ 20-יאָהריגען עלטער טאָר מען זיך ניט פֿערלאָזען אויף חלומות. מען דאַרף אַרבײַטען, געװעדיגער הער, און אין אַרבײַט געפֿינען אַרפֿואָה צו אַלע קראַנקהײַטען. קומט צו מיר אין אײנעם פֿון די נאָהענסטע טעג פֿאַר מיטאָג-צײַט, — אויב איהר װילט, מאָרגען, אָדער זונטאָג צװישען 9 און 11. מיר װעלען אַבּיסעל שמוּסען, און איך װעל טהון אַלעס, װאָס מעגליך איז, אַבּי אײַך װידערקערען דעם פֿערלאָרענעם מוטה. גלױבט, דאָס עס װעט זיך מיר אײַנגעבען".

װי עס האָט זיך אַרױסגעװיזען, האָט דער יונגער מאַן זיך דאָס לעבען ניט געװאָלט נעהמען און איז גאָר ניט געקומען צו דער בעשטעלטער צײַט, ער האָט זיך נאָר בענוצט מיט הלױ'ס באַרעמהערציגקײַט, ערהאַלטען פֿון איהם אַ מיטגעפֿיהל'ס בריעף און זי פֿערקױפֿט אַלס הלױ'ס אױטאָגראַף, פֿאַר אַ פּאָר הונדערט פֿראַנק.

אויף דער עלטער איז הלױ שטאַרק אָבגעשװאַכט געװאָרען און האָט זיך בעזעצט אין ניצע אונטער דעם פֿרײַהען און קלאָרען הימעל, בכדי צו פֿערשטאַרקען זײַן געזונד. דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפֿען, און דעם 17-טען מערץ 1867 איז הלױ געשטאָרבען אויף די הענד פֿון זײַן געליעבטער פֿרוי און 2 טעכטער, אָבלעבענדיג 68 יאָהר. זײַן טױט האָט אַרױסגערופֿען אין פֿראַנקרײַך אַן אַלגעמײנעם טרױער. פֿון ניצע האָט מען דעם טױטען געבראַכט קײן פּאַריז, װאו מען האָט איהם מקבר געװען אויפֿ'ן יידישען בית עלמין מיט גרױס פּאַראַד. די קבורה האָט געטראָגען אַ נאַציאָנאַלען חאַראַקטער, און צװישען די טױזענדער בעגלײטער דעם אָרון זענען אויך געװען: דער גראַף מאָרני, דעם קײזער'ס ברודער, דער פּרינץ נאַפּאָליאָן, און די פּרינצעסין מאַטילדע. אויפֿ'ן קבר האָבען פֿיעל װיכטיגע פּערזאָנען געשילדערט די מעלות פֿון דעם פֿערשטאָרבענעם. דער פּרעזעס פֿון דער יידישער קאָנסיסטאָריע האָט געזאָגט פֿאָלגענדע װערטער:

„מיר פֿראַנצױזישע יידען, שעצען זיך גליקליך צו רעכענען הלױ'ן פֿאַר אונזערען, ניט נאָר מיט דעם, װאָס ער איז געװען אַ ציערונג פֿון גאַנצען לאַנד, נאָר נאָך מעהר דערמיט, װאָס ער האָט הויך געטראָגען די פֿאָהן פֿון אונזער רעליגיאָן, און אין דיזער טרױעריגער צײַט פֿון גרײַכגיל-

טיגקייט צו רעליגיעזע פראגען, האט ער ביט נאר זיך ניט ענטזאגט פון זיינע עלטערען'ס גלויבען, נאר אויך זיך פעסטגעהאלטען ביי דער פרומער אנשוי-אונג: דאס קינדער ברויכען עהרען דעם אנדענקען פון זייע'ע עלטערען, און דארפען זיין פערבונדען צוזאמען ביי'ם לעבען און אויך אין קבר.

# קאמפאזיטאר געארג ביזעט.

געארג ביזע׳ט איז איינער פון די גרעסטע שטערען אויף דעם מוזיקאלישען האריזאנט אין דעם 19-יאהרהונדערט, וועלכער איז אבער, צו אונזער גרעסטען בעדויערען, זעהר גיך פערלאשען געווארען. ביזע׳ט — דער אויטאר פון דער וועלטבעריהמטער אפערע „קארמען״ — איז געשטארבען צו זיין 36 יאהריגען עלטער. נאך איידער זיין גרויסער טאלענט האט זיך ענטוויקעלט מיט זיין גאנצער קראפט, איז שוין געקומען דער אכזריות׳דיגער טויט און האט איהם צוגענומען פון דער וועלט!

אבער אין די קורצע געצעהלטע יאהרען האט זיך ביזע׳ט פערפעסטיגט אן׳עביגע פאזיציע אין דער וועלט-געשיכטע, אלס אריגינעלער טיעפזיניגער קאמפאזיטאר, וועלכער האט מיטגעווירקט אויף דער ענטוויקלונג פון דער פראנצויזישער גרויסער אפערע. עס איז אבער מערקווירדיג, וואס אפילו דאס רוב מוזיקער פאבליקום און קריטיקער וויסען ניט, אדער מאכען זיך ניט וויסענדיג, אז ביזע׳ט איז געבארען א איד, ווערענד באמת איז ער אפילו אויך געשטארבען א איד...

ביזע׳ט איז געבארען אין פאריז דעם 25-טען אקטאבער 1838. מען האט איהם באלד אנערקענט אלס וואונדערקינד — צו 4 יאהריגען אלטער האט ער שוין גוט געלעזען נאטען און צו 12 יאהר האט ער שוין ארויסגעוויזען זיין שעפפונגס-קראפט.

אלס קינד, איז ער אריינגעטרעטען אין פאריזער קאנסערוואטאריום און האט פלייסיג געלערענט אונטער דער אויפזיכט פון די פראפעסארען: מארמאנטעל, הלוי, צימערמאן און שארל גונא׳ד.

צו׳ם ערשטען איז ביזע׳ט ארויסגעטרעטען אין דער מוזיקאלישער וועלט מיט זיין דראמאטישע אפערעטע „Le docteur miracle“, פאר וועלכער ער האט בעקומען די פרעמיע אויף דעם גרויסען קאנקורס, וואס דער

דירעקטאָר אָ פֿ ע נ ב אַ ך (אַ ייד) פֿון דעם טעאַטער Bouffes-Parisiens האָט בעשטימט. אין דעם קאָנקורס האָבען זיך בעטייליגט ביז 60 קאָמפּאָזיטאָרען, אין גיכען האָט ביזע'ט פֿערפֿאַסט אַ לירישע קאַנטאַטע: „קלאָדוויג און קלאָטילדאַ", פֿאַר וועלכער ער האָט געגומען די צווייטע קאָנקורס-פּרעמיע, וואָס די פּאַריזער אַקאַדעמיע האָט בעשטימט.

ב י ז ע' ט איז נאַכהער אָבגעפֿאָהרען אויף אַ שטיק צייט קיין איטאַליען, וואו ער האָט געשטודירט די אַלטע איטאַליענישע רעליגיעזע מוזיק. קומענדיג צוריק אין פּאַריז, האָט ער אויפֿגעפֿיהרט אין טעאַטער-ליריק זיין אָפּערע „די



געאָרג ביזע'ט.

פּערל-זוכער'ס", וועלכע איז גראַדע ניט איבעריג געפֿעלען געוואָרען. אַזאַ מזל האָט אויך געהאַט זיין אָפּערע „La jolie fille de Perth", וועלכע איז אויפֿגעפֿיהרט געוואָרען אין יאָהר 1867. ווי עס ווייזט אויס האָט די פֿראַנצויזען ניט געשמעקט, וואָס ב י ז ע' ט האָט אין דיזע אָפּערען נאָכגעפֿאָלגט

וואגנער'ס אידעען, ביזע'ט האט זיך אבער דערפון ווייניג געקימערט.

מעהר געערגערט האט איהם דער שרעקליכער פראנצויזיש-דייטשער קריג, וועלכער האט אויף לאנג איבערגעריסען זיין מוזיקאלישע ארבייט. אין דיזער צייט האט ביזע'ט געשריעבען צו זיינעם א גוטען פריינד פאלגענדע מעלאנכאלישע ווערטער, וועלכע האבען זיך ארויסגעריסען פון זיין ליידענדער נשמה: „ארעם איז אונזער פילאזאפיע און אונזערע געדאנקען וועגען עביגען שלום, וועגען עביגע ברידערשאפט אין דער מענשען-געזעלשאפט. אנשטאט דעם אלעם — זעהען מיר טרעהרען, בלוט, טויט און פערברעכען אהן א צאהל און אהן אנ'עק. איך געדענק גאנץ גוט, דאס איך בין א פראנצויז, איך קען אבער ניט פערגעסען, דאס איך בין אויך א מענש...

נאך א לענגערע צייט האט זיך בעוויזען זיין מוזיקאלישע דראמע „L'arlesienner“ און אין יאהר 1875, האט ער אויפגעפיהרט זיין אפערע „קארמען“, וועלכע האט די ערשטע צייט געהאט מעהר ערפאלג אין אויסלאנד, אלס אין פאריז. די ערשטע און בעסטע וועלט-בעריהמטע זינגערינס האבען צווישען זיך קאנקורירט אין דער אויספיהרונג פון דיזער אריגינעלער און האראקטעריסטישער הויפט-ראלע.

דיזע אפערע האט ניט איהר גלייכען אין דעם אפערען-רעפערטואר מיט איהר רייכקייט, טיעפזיניגקייט, און שענע אריגינעלע ארקעסטער-בעארבייטונג. — מיט איהר האט ביזע'ט זיך בעוויזען אלס זעלבסטשטענדיגער בעגאבטער מאלער, וועלכער בעזיצט אייגענע שעפפונגס-אידעען, צו וועלכע ער קען אויך צוגעבען גלענצענדע סצענישע פארמען און דארף לגמרי ניט נאכפאלגען וואגנער'ן און גונאד'ן.

ביזע'ט איז געוועזען זעהר פריינדליך פערבונדען מיט זיין בעסטען לעהרער, מיט'ן פראפעסאר הלוי, און דעם 3-טען יולי 1860 האט ביזע'ט חתונה געהאט מיט הלוי'ס שענע טאכטער זשענעווע. ביזע'ט האט אויך פערענדיגט הלוי'ס ביבלישע אפערע „נח“, וועלכע זיין שוויגער-פאטער האט ניט פערענדיגט בעי'ם לעבען.

אלס ייד איז ביזע'ט געוועזען דער קאנטראסט פון זיין שוויגערפאטער הלוי. בעי הלוי'ן האט זיך זיין ייד ארויסגעריסען אין דער מוזיק און אפט

האָט זיך בעוויזען אויך אַ העליגיעזער פלאַם, ווי מיר זעהען אין זיינע אָפּערען „די יידין" א. ז. וו. — ביזע'ט איז אין דער היגזיכט געווען קאַלט, און זיין מוזיק איז ניט קענטיג ניט זיין נאַציאָן, ניט זיין רעליגיאָן. ביזע'ט איז צו אינטערנאַציאָנאַלער קינסטלער, ער האָט געדיענט דער מוזיק, און די קונסט איז זיין רעליגיאָן.

בכדי מעהר האַראַקטעריזירען דעם קאָמפּאָזיטאָר, ברענגען מיר עטליכע פראַזען פון זיינע מיינונגען איבער מוזיק און קונסט, וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט אין יאָהר 1867:

„עס עקזיסטירט ביי אונז פערשיעדענע מינים מוזיק: מוזיק דער פערגאַנגענהייט, געגענוואַרטיגע מוזיק, און מוזיק דער צוקונפט, אויך — האַרמאָנישע, מעלאָדישע און טעאָרעטישע-מוזיק. די לעצטע איז די געפעהרליכסטע. פאַר מיר גיעבט נאָר צוויי מינים מוזיק: גוטע און שלעכטע. דער פּאָעט, מאַלער אָדער מוזיקער לעגט אַריין אין זיין שעפּונג זיין גאַנצען גייסטיגען רייכטהום, זיין גאַנצען אינווענינסטען אינהאַלט, און וואָס טהוען מיר? אויפ'ן אָרט פון מיטהעלפען איהם, הויבען מיר אָן נאָכקוקען זיין פּאַספּאָרט... מיר הויבען אָן נאָכפאָרשען וועגען זיין מאַניער, וועגען זיין אַרטיסטישע פערגאַנגענהייט. דאָס איז שוין ניט קיין קריטיק נאָר פּאָליציי... דער קינסטלער האָט ניט קיין נאָמען און ניט קיין נאַציאָן. מיר ברויכען נאָר וויסען, צי איז ער בעגייסטערט, צי איז ער אַ געניע אָדער אַ טאַלענט. בעזיצט ער דאָס, דאַרפען מיר איהם פרעהליך בעגריסען און איהם מיטהעלפען. פון דעם גרויסען קינסטלער טאָרען מיר ניט פאָדערען דאָס, וואָס ער בעזיצט ניט. מיר ברויכען בלויז קענען שעצען דאָס, וואָס ער פערמאָגט".

# זשאַק אָפֶענבאַך.

נעבען די גרויסע מייסטער, ווי ראָסיניע מיט זיין „ווילהעלם טעל״, מ א י ר ב ע ר מיט „הוגענאָטען״, שטעהט דער פראַנצויזישער קאָמפּאָזיטאָר ז ש אַ ק אָ פֿ ע נ ב אַ ך מיט זיינע אָפּערעטעס און קאָמישע אָפּערען. נאָר בשעת די ערשטע צווי האָבען בעאַרבייט וויכטיגע ליבּרעטען, און האָבען די וועלט רייך געמאַכט מיט גראַנדיעזע־רייכע אָפּערען, טיעפזיניג סאָליד־קאָמפּאָזיטאָריש בעאַרבייט, מיט געלאַסענע שווערוואָגענע מעלאָדיען און גאונישע אינסטרומענטאַציע, — האָט אָבער ז ש אַ ק אָ פֿ ע נ ב אַ ך זיך אינגאַנצען איבערגעגעבען דער פרייער אויסגעלאַסענע מוזיק, פיקאַנטנע לייכטזיניגע ליבּרעטען, אין וועלכע עס קאָמבינירען זיך איבערפלעכע מאַן און ווייב פערהעלטעניסען... דורך זיינע אָריגינעלע גרינגע מעלאָדיען, און קיצלענדיגע אָרקעסטער־בעאַרבייטונג איז ער טאַקי געוואָרען אַנ׳אָבגאָט פאַר אַלע פרויען פון דער האַלבער וועלט...

דאָס שאַרפזיניגקייט און דער סאַרקאַסטישער טאָן, וואָס זענען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יידישער פסיכיק, האָבען זיך פעראייניגט אין אָ פֿ ע נ ב אַ ך׳ס מוזיקאַלישען טאַלענט צו קאָפּירען און פּאַראָדיזירען מיט דער הילף פון מוזיקאַלישע פאַרבען, און אַזוי ווי אויף אָ פֿ ע נ ב אַ ך׳ס מוזיקאַלישען זשאַנר שוועבט שטענדיג גראַציע און רייץ, איז קיין וואונדער ניט וואָס ער האָט זיך פערדיענט דעם נאָמען: „דער קעניג פון אָפּערעטען שרייבער״, און האָט מיט זיינע אָפּערעטען פערפילט אַלע אייראָפּעאישע סצענעס, צונויפשאַרענדיג פיעל גאָלד און עהרע!

ווער עס וויל זיך בעקאָנען מיט דער היסטאָריע פון די פראַנצויזישע זיטען אין נאַפּאָליאָן דעם דריטען׳ס צייטען, מוז אויך אונבעדינגט זיך לענגער אָבשטעלען אויף דעם אָ פֿ ע נ ב אַ כיזם. די פרעהליכקייט, די שאַרפזיניגע מוזיקאַליש־קאַריקאַטורישע שפּאַסהייט פון אָ פֿ ע נ ב אַ ך׳ס מעלאָדישע אָפּערע-

טען, שטעלען פאר א ריכטיגען אבגלאנץ פון פאריזער – הויפטזעכליך פרייער געזעלשאפט אין די מיטעלע יאהרען פון דעם 19-טען יאהרהונדערט.

אפענבאך האט מיט זיינע פרייע אפערעטען און אויסגעלאסענע קופלעטען, וועלכע בעצויבערען שטארק מיט זייער גלאנץ זין דייטליכקייט, געוויס נישט געווירקט שטארק מאראליזירענד. עס איז געוויס צו בעדויערען, דאס אזא שארפער קאפ, וואס מאיר בער האט אנגערופען: „גמרא-קאפ", האט איבערגעגעבען זיין גאנצען וויעניע, אלע זיינע אריגעבעלע מוזיקאלישע פעהיגקייטען, בלויז צו אויפרייצענדע, לעכערליכע און פיקאנטנע ליברעטען און טהעמען. מען מוז אבער אויך מודה זיין, אז אפענבאכס ערשיינען, איז געוועזן אין איינינע פארמען, א היסטארישע נויטוועגדיגקייט. וועיל מיט זיינע אויפרייצענדע עלעקטרעזירענדע מאטיוען און פערביזפטע אינסטרומענטאציע, האט ער העל בעלויכטען די גרויסע און טיעפע בלאטע פון די פאריזשער זייטען, ער האט אויפגעדעקט דאס גאנצע פערבארגענע פערדארבעניהייט פון דער פאריזער געזעלשאפט, און האט דאס אנידערגעשטעלט נאקעט, אלעמען אין די אויגען.


זשאק אפענבאך.

זשאק אפענבאך איז געבארען געווארען אין קעלן דעם 21-טען יוני 1819. זיין פאטער, יהודה אפענבאך, האט בעזעסען א שענע שטימע און איז געוועזן א חזן אין קעלנ'ער גרויסער שול. אין יאהר

1839 האָט ער אַרויסגעגעבען אַ סדר תּפלה פֿאַר דער יידישער יוגענד. אין זיבען איז די פֿאַמיליע איבערגעפֿאָהרען קיין פּאַריז, וואו דער יונגער יעקב אָפֿענבאַך האָט אַרויסגעוויזען מוזיקאַלישע פֿעהיגקייטען און איז אַריינגעטראָטען אין דער פּאַריזער קאָנסערוואַטאָריע און האָט זיך פֿלייסיג געלערנט. זיינע ערשטע פּראָבען אַרויסצוטרעטען אַלס ווירטואָז וויאָלינטשעליסט, האָבען זיך איהם ניט איינגעגעבען. דער וויאָלינטשעל האָט איהם נאָר מיטגעהאָלפֿען אַריינצוטרעטען אין דעם אָרקעסטער פֿון דער קעניגליכער אָפּערע. דיעזע קאַריערע האָט איהם אָבער ניט געקאָנט צופֿריעדענשטעלען און אין יאָהר 1847 איז אָ פֿ ע נ ב אַ ך געוואָרען קאַפּעלמייסטער אין טעאַטער Francais.

גאָר אין אָנפֿאַנג פֿון זיינע קאָמפּאָזיטאָרישע שעפֿפֿונגען, האָט ער אויפֿגעשריעבען עטליכע זאַכען פֿאַר וויאָלינטשעל, סאַלאָנע פּיעסען און פֿיעל דועטען. איהם האָט אָבער שטאַרק געצויגען צו טעאַטראַלע קאָמפּאָזיטאָרישע אַרבייט, און דעם ערשטען ערפֿאָלג אויף דער ביהנע האָט געהאַט זיין אָפּערעטע „Chanson de Fortunio“. אין יאָהר 1855 איז אָפֿענבאַך געוואָרען דירעקטאָר פֿון אַן אָפּערען טרופּע, מיט וועלכע ער איז אַרומגעפֿאָהרען אין די פֿראַנצויזישע פּראָווינציעלע שטעדט, אין ענגלאַנד און אויך אין דייטשלאַנד. נאָך קומענדיג צוריק קיין פּאַריז האָט ער זיך ענטזאַגט פֿון זיין אַמט, און האָט זיך איבערגעגעבען בלויז צו קאָמפּאָזיטאָרישער אַרבייט.

אָ פֿ ע נ ב אַ ך האָט אויפֿגעשריעבען 120 אָפּערען און אָפּערעטעס בלויז פֿאַר דער ביהנע. זיינע ערשטע אָפּערעטעס ווי למשל: „די הויכצייט נעבען דער לאַטערנע“, „די פֿריילין פֿון עליזאָנדאָ“, „דאָס ליעד פֿון פֿאָרטוניאָ“, „הערר און מאַדאַם ד ע נ י ס“ און נאָך פֿיעל האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט אָריגינעלען רייץ און גראַציע, און זענען געווען ווי ספּעציעל בעשאַפֿען און אָנגעמאָסטען פֿאַר פּאַריזער קאָמישער אָפּערע. דעם אמת'ן ערפֿאָלג אָבער, האָבען געהאַט זיינע אָפּערעטען „אָרפֿיי אין גהינום“, די שענע העלענע“, „דאָס פּאַריזער לעבען“, „די הערצאָגין פֿון העראָלשטיין“, „די פּרינצעסין פֿון טראַפּעזון“, „מאַדאַם פֿאַוואַר“, „דער זיבען בריק“, „די שענהייט פֿון געאָרגי“, „צוויי בלינדע“, „אויפֿ'ן דראַגאָנישען שטייגער“, „מאַרק העגדלערינס“, „די בלאָע באָרד“. דיעזע אָפּערעטען האָבען איהם געמאַכט פּאָפּולער אויף דער גאַנ-

צער וועלט און האָבען איך אַרײַנגעבּראַכט אַ נײַעם זשאַנר אין דער ענטוויקלונג פון דער אָפּערעטע. איבערהויפּט בעווײַזט זיך אָפֿענבאַך אַלס קלאַסיקער אין זײַנע אָפּערעטען: „אָרפֿײַ אין גהינם און „די שענע העלענאַ". דיעזע צוויי אָפּערעטען בלײַבען אויף תמיד די שענסטע קלאַסישע צירונג און רעפּערטואַר פון די אייראָפּעאישע ביהנעס. זיי ווערען געשפּיעלט הונדערטער מאָל נאָכאַנאַנד נאָך זייער אויפֿפֿיהרונג צום ערשטען מאָל אויף אַ נײַער אָפּערעטען סצענע, און ראַטעווען ניט איין מאָל די מאַטעריעל-טרויעריגע לאַגע פון אַן אָפּערעטישער אַנטערפּריזע.

„אָרפֿײַ אין גהינם" און „די שענע העלענע" זענען געוואָרען אַ מאָדעל פֿאַר אַלע אָפּערעטען קאָמפּאָזיטאָרען. קיינער פון די ביז יעצטיגע אָפּערעטען שרייבער האָבען אָבער נאָך ניט נעגרייכט צו אָ פֿ ע נ ב אַ כ'ס מדרגה.

אַן'אונגעהויערע גרויסע מוזיקאַלישע ווערט האָט אָ פֿ ע נ ב אַ כ'ס אָפּערע „האָפֿמאַנס ערצעהלונגען". דיזע אָפּערע איז אויסגעפֿיהרט געוואָרען צום ערשטען מאָל אין פּאַריז אין יאָהר 1881 שוין נאָך אָפֿענבאַך'ס טוידט, און האָט איבערגעלאַזט אַ שטאַרקער ערפֿאָלג; אין דיזער אָפּערע ערשײַנט דער אָ פֿ ע נ ב אַ כ'ס רייִנער טאַלענט, וועלכען ער האָט בעזעסען ביז זײַן פֿרײַען אָבגעצוימטען פּאַריזער פּעריאָד, ווען זײַן מוזע איז נאָך געווען אײַנגעהילט הינטער אַ באַאיזע מאַסקע פון בּושה. דעריבער געפינען מיר אין דיזער אָפּערע, אויסער די קאָמישע קופּלעטען פון „אַ קלייִנזאַק מיט'ן לאַנגען פּראַק... א. ז. וו." — אויך זעהר סעריאָזע און רײַכע מוזיק; מוזיק, וועלכע דערמאָנט מיט איהר שאַרפֿען גלאַנץ, מ אי ר ב ע ר'ן און ה ל ו י'ן, ווי למשל דער לעצטער אַקט, פֿאַר דעם עפּילאָג, אין וועלכען אָ פֿ ע נ ב אַ ך בעווײַזט זיך מיט אַ גוואַלדיגער שטאַרקער דראַמאַטישער קראַפֿט.

זײַן טרעפֿליכע שאַרפֿזיניגקײַט און שאַרפֿער סאַרקאַזם האָט אָ פֿ ע נ ב אַ ך אויסגעדריקט ניט נאָר אין זײַנע מוזיקאַלישע שעפּפֿונגען, נאָר אויך אין זײַנע שריפֿטען, וועלכע ער האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט.

אינטערעסאַנט און סאַטיריש זענען אויך זײַנע פּריוואַטע בריעף. אין זײַנע בריעף צו דעם בעוואוסטען קריטיקער וו י ק ט אָ ר ז ש אָ נ ס י ער געפינען מיר למשל פֿאָלגענדע שטעלען: „ווען איך זאָל נאָר הײַנט געווען אַרויס

פון מיין שטוב אויפ'ן גאַס, וואָלט איך מיר געווים אַרויפגעקראַפּקעט צו אייך אויפ'ן פיערטען שטאָק, בכדי פעסט צודריקען אייער האַנד און אייך הערצליך דאַנקען. אייער אַרטיקעל וועגען מיר, האָט מיר שטאַרק בערירט. איהר זאָגט אין איהר אַרוים אַלסדינג, וואָס מען וועט געווים שרייבען איבער מיר נאָך מיין טוידט. איהר האָט מיר איבערראַשט און ענטציקט, ווייל איהר זענט זעהר אַ גרויסער קינסטלער, איהר פערשטעהט וואָס פאַר אַ מין ערנידערונג עס איז צו זיין פערבונדען מיט אַזעלכע מענשען, וועלכע בינדען שאַבלאָניש צוזאַמען נאָטען, און פערופען זיך „מוזיקער", ניט צוגעהויבענדיג צו פערשטעהן וואָס איז אַזוינס מוזיק".

„פּאָעטען און קאָמפּאָזיטאָרען מוזען תמיד זיין גייסטיג פערבונדען" פלעגט תמיד אָ פ ע נ ב אַ ך זאָגען. „זאָ לאַנג איך אַרבייט אויף וואָסער ס'איז אָפּערע, בין איך גייסטיג פעראייניגט מיט'ן אויטאָר פון דער ליברעטע. אַפילו ווען דער אויטאָר האָט שוין מיר מעהר קיין נייעס ניט צו דערצעהלען, מוז איך אויך אונבעדינגט איהם פיהלען, שטענדיג זעהען און רעדען מיט איהם".

אָפענבאַך האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין גוטהאַרציגקייט און ליעבענסווירדיגקייט, צייטענווייז האָט זיך ביי איהם געצייגט קינדערשע נאַאיוויטעט און שוואַכקייט, בלייבענדיג אין דיזער צייט גוט און מילד. ניט אומזונסט האָט איהם ראָסיני גערופען: „דער פּאַריזער מאָצאַרט". באמת איז ער תמיד געווען שאַרפזיניג בערעדענד, פרעהליך און רוהיג! און איז גרייט געווען דיענען דעם צווייטען. איבער וו אַ ג נ ע ר'ן, האָט זיך אָ פ ע נ ב אַ ך זעהר פיינדליך אָבגערופען. ער האָט פערזיכערט דאָס וו אַ ג נ ע ר וואָלט געווען דער גרעסטער קאָמפּאָזיטאָר, ווען עס זאָלען פריהער פאַר איהם ניט געווען זיין מ אָ צ אַ ר ט, ג ל י ו ק, ב ע ט ה אָ ו ו ע ן, ו ו ע ב ע ר, און מ ע נ ד ע ל ס אָ ן; זיינע אָריגינעלע מעלאָדיען וואָלטען געווען גלענצענד, ווען ה ע ר אָ ל ד, ה ר ו י, ב ו אָ ל ד ע און אַ ב ע ר וואָלטען ניט געווען עקזיסטירטען, ו ו אַ ג נ ע ר וואָלט צו זיך קיין גלייכען ניט געהאַט ווען ער זאָל אין זיין צייט ניט געווען האָבען מ אַ י ר ב ע ר'ן און ר אָ ס י נ י ע ן, זיין מוזיק, וועלכע געהט קאָנטרע די עדעלסטע געפיהלען און די פסיכאָלאָגיע פון דער אַלגעמיינער שטימונג, קען מען בלויז אָנרופען מיט'ן נאָמען: „די ניט טאָלערירענדע מוזיק".

אָפּענבאַך האָט געהאַט אַ שוועכע צו כבוד און רוהם. קיין שום שרייענדער קאָמפּלימענט האָט איהם ניט אויסגעזעהען איבערטריבען. עס האָט איהם אַמאָל איינער אַ פראַגע געטהון: „איהר זענט געבאָרען געוואָרען אין באָננע?“ „ניין“, האָט ער געענטפערט, — „אין באָננע איז געבאָרען געוואָרען בעטהאָווען, איך בין געבאָרען אין קעלן“. נאָך יעדער אָפּענבאַך׳ס נייע פּרעמיערע אויספיהרונג, פלעגען זיך פערזאַמלען אין זיין וואָהנונג אַלע זיינע חסידים און פערעהרער און פלעגען טרינקען, שפּיעלען און זינגען אַלע מעלאָדיען, וועלכע האָבען אין דער אָפּערעטע מעהר פיגורירט און האָבען ביים פּובליקום מעהר אויסגענומען. די התלהבות פלעגט ווערען אַזוי שטאַרק, ביז זיי פלעגען אויפהויבען דעם קאָמפּאָזיטאָר צוזאַמען מיט זיין שטול, אויף וועלכער ער איז געזעסען, און פלעגען איהם טראָגען אין די קאָרידאָרען און אויף די שטיגען זינגענדיג און בעגריסענדיג מיט אַזאַ רעש, אַז מען האָט געקענט הערען אין די אַרומעדיגע הויפען. דאָס איז געווען אָפּענבאַכ׳ס גרעסטעס פערגעניגען.

ניט קוקענדיג אויף די פריינע אָפּערעטען, וועלכע ער האָט בעשאַפען, האָט ער געפיהרט אַן׳אַנשטענדיג פּריוואַטען לעבען. דאָס האָבען אפילו זיינע געגנער מודה געווען. זיין פרוי און פינף קינדער האָט ער היים און צערטליך געליעבט. צוליעב זיי האָט ער געאַרבייט טאָג און נאַכט, ניט קוקענדיג אויף זיין געזונד.

וואָס פאַר אַ סבה האָט געגויט אָפּענבאַכ׳ן, דעם קעלנ׳ער חזנ׳ס זוהן, צו בייטען זיין רעליגיע, קען מען ניט וויסען, מען קאָן עס ניט ערקלערען צוליעב קאַריערע, ווייל ער האָט דאָך געזעהן אַלע פּאַריזער יידישע קאָמפּאָזיטאָרען אין זיין צייט, ווי מאיירבער, הלוי, ביזעט, זענען געבליבען טריי זייערע עלטערענס נאַציאָן, און דאָס האָט גאָר נישט געשאַדט זייער קאַריערע.

געשטאָרבען איז אָפּענבאַך, דער קייזער פון די אָפּערעטען, נאָך אַלאַנגע שווערע קרענק, דעם 5-טען אָקטאָבער 1880 צו זיין 61 יאָהריגען עלטער, און מיט גרוים פּאַראַד און כבוד האָט מען איהם בעהאַלטען אויף דעם פּאַריזער מאָנמאַרטישען בית עלמין, וואו עס ליעגען אויך די ביינער פון היינריך היינע.

# פעליקס מענדעלסאָן — באַרטאָלדי.

פעליקס מענדעלסאָהן־באַרטאָלדי איז איינער פון די בעליעבסטע און עדעלסטע קאָמפּאָזיטאָרען און טאָן־קינסטלער. זיינע מייסטער־ווערק צייכענען זיך אויס מיט זייערע אָריגינעלע פאָרם־שענהייט און בעצויבערען מיט גראַציעזע און אויסדריקליכע געפיהלען. עס איז צו׳ם בעדויערען, דאָס דער גרויסער ווירטואָז און קאָמפּאָזיטאָר, איז געשטאָרבען אין די יונגע יאָהרען, אין מיטען דעם ענטוויקלונגס־פעריאָד פון זיינע שעפפונגס קרעפטען, ער האָט אָבער בעוויזען אין די געצעהלטע יאָהרען צו פערדיענען מיט זיינע שעפפונגען דעם גרעסטען נאָמען אין דער מוזיקאַלישער וועלט און פערפעסטיגען זיך אַ שטאַרקע פּאָזיציע אין דער שענער מוזיק־ליטעראַטור.

ניט קוקענדיג אויף די מאַסען אָנפאַלען אויף איהם פון פערשיעדענע געשוואוירענע מוזיק־קריטיקער, וועלכע האָבען הויפּטזעכליך אָנגעוויזען אויף דעם איבערגעוויכט פון סענטימענטאַלען עלעמענט אין זיינע מוזיק־שעפפונגען, געהערט פאָרט פעליקס מענדעלסאָן־באַרטאָלדי צו דער צאָהל געניאַלע קאָמפּאָזיטאָרען פון דער ערשטער ראַנגע. בעשאַפענדיג אָראַטאָריען האָט ער גלייכצייטיג אויך פערפאַסט פיעל קאָנצערטנע אוווערטורען, סימפאָניען, קאָנצערט־טען פאַר פאָרטעפּיאַן און אויך קאַמעראַלע מוזיק: דועטען, טריאָ׳ס, וואַריאַציען, סאַלאָנע פּיעסען פאַר פאָרטעפּיאַן, פון וועלכע עס צייכענט זיך אויס: „דאָס ליעד אָהן ווערטער״; — פיעל זאַכען פאַר אָרגאַן, קוואַרטעטען פאַר מענער־שטימען, און אויך איין ניט פערענדיגטע אָפּערע „לאָרעלאַי״. דיעזע אַלע אויסדריקליכע קרעפטיגע טענער האָט מענדעלסאָהן אַרויסגעצויגען מיט יידישע גאונות פון סאַמע טיעפעניש פון דער דייטשישער פאָלקס נשמה... אויך פון זיינע זאַנפטע ליעדער בלאָזט גראַציע און רייץ און עס הערט זיך אין זיי אַ הייליגע שטימע פון אַ טיף פיהלענדע נשמה.

זעהר וועניג קאָמפּאָזיטאָרען פון דער אַלטער און נייער וועלט זענען

געשטאַנען אין זייער בילדונג אויף דער הויכער מדרגה, אויף וועלכער מענדעלסאָהן האָט אויפגעשטיגען, גאָר אַ קליינע צאָהל טאָן-קינסטלער האָבען בעוועסען אין זייערע שעפּפונגען אַזאַ קלאָרען זעלטענען עדעלמוט ווי פעליקס מענדעלסאָהן-באַרטאָלדי. אין זיין סטיל און אין זיינע גלענצענדע פאָרמען איז ער געוועזען אָריגענעל, אַ בענייער. ער איז דער גרינדער פון דער קאָנצערטנער אוווערטורע, וועלכע ער האָט קינסטליך זעלבסטשטענדיג בעאַרבייט און פאָרגעשטעלט זי, אַלס פאָלקאָמען פערענדיגטעס בילד. אויך האָט מענדעלסאָהן איבערגעאַרבייט אויף דעם היינטצייטיגען סטיל דעם אַלטען „Capriccio“ און „Capello-lied“.

זייענדיג געטויפט האָט זיך מענדעלסאָהן ניט געקענט בעפרייען פון דעם יידישען בעזונדערען כאַראַקטער אין מוזיק, און הערענדיג זיינע בעצויבערענדע פּסאַלמען דערפיהלט מען באַלד דעם יידישען גייסט, דעם יידישען מאָן און שטימונג; און ניט נאָר אין זיין מוזיק צו תהלים, נאָר אויך אויף זיינע פיעל אַנדערע פרייע שעפּפונגען, שוועבט איבער זיין עכט דייטשישער פאָרם און קלאַסישען סטיל — אַ יידישער חן! אין זיינע פערשידענאַרטיגע מייסטער-ווערק האָט דער גרויסער אונשטערבליכער קאָמפּאָזיטאָר בעוויזען ווי רייך איז דאָס יידישע פאָלק אין מוזיקאַלישע טאַלענטען, וויפיעל כשופ'דיגע האַרמאָניע, שענע פאָרמען און קלאַסישעס פאָלקאָמענהייט, בעזיצען די קינדער פון גלות!

מיט גאָר אַ בעזונדער ליעבע האָט זיך מענדעלסאָהן איבערגעגעבען צו ביבלישע טהעמען, פון וועלכע ער האָט בעשאַפען אָראַטאָריען. ער האָט אויפגעפרישט און פערפעסטיגט דעם מוזיקאַלישען עפּאָס פון דער אָראַטאָריע; זיינע אָראַטאָריען „פּאַאול“ און „אליהו“ זענען אָהן אַ שום ספק אַלס קלאַסישע מייסטערווערק אין זייער אַרט; און מיט זייער ערהאַבענעם סטיל, שטעהען זיי ניט ווייט פון די שעפּפונגען פון באַך און העבדעל, — די בעסטע מאַיעסטראַ'ס און פאָרשטעהער פון דער אָראַטאָריע.

מענדעלסאָהן אַלס גרויסער מענש און קאָמפּאָזיטאָר האָט ניט נאָר צופערדאַנקען זיינע געניאַלע פעהיגקייטען, נאָר אויך זיינע עדעל-אַריסטאָקראַטישע רייכע עלטערען. זיין פאָטער דער באַנקיר אברהם מענדעלסאָהן,

(דעם גרויסען פילאסאף'ס משה מענדעלסאהנס צווייטער זוהן), און זיין עדעלע מוטער לאה מענדעלסאהן האבען זיך בעמיהט צוגעבען זייער קינד א סיסטעמאטישע אלגעמיינע ערציהונג, און זייענדיג א קינד בײ אזעלכע רייכע עלטערען, פריי פון אלטעגליכע שווערע לעבענס-מיטעל דאגות, האט ער געהאט די פאלקאמע מעגליכקייט זיך צו בערייכען אין דער אלזייטי-גער ענטוויקלונג און האט זיך פריי איבערגעגעבען אין גאנצען, צו זיינע זעל-טענע פעהיגקייטען אין דער מוזיק-קונסט.

פעליקס מענדעלסאהן-בארטאלדי איז געבארען געווא-



פעליקס מענדעלסאהן בארטאלדי.

רען אין האַמבורג דעם 3-טען פעברואַר אין יאָהר 1809. ווען ער איז אַלט געוואָרען 4 יאָהר, האָבען זיך זיינע עלטערען בעזעצט אין בערלין. זיינע ערשטע לעהרער פון פאָרטעפּיאַן-שפּיעלען און קאָמפּאָזיציע, זענען געווען לודוויג בערגער און צעלטער, געטהע'ס אַ בעסטער פריינד. וויאָלין-שפּיעלען האָט איהרן געלערענט דער קאַפּעלמייסטער העניג. אַלגעמיינע בילדונג האָט איהם געגעבען דער בעוואוסטער פילאָסאָף הייזע, דעם בעוואוסטען שרייבער'ס פויל הייזעס פאָטער, וועלכער האָט פערנומען אַ שטענדיגע שטעלע אַלס הויז-לעהרער ביי דער פאַמיליע מענדעלסאָהן, וועלכע האָט זיך גערעכענט פאַר דעם מיטעלפונקט פון דער געבילדעטער אַריסטאָקראַטיע אין יענער צייט.

צו 9 יאָהריגען עלטער איז פעליקס צום ערשטען מאָל אַרויסגעטראָטען מיט אַ קאָנצערט פאַר'ן פובליקום, און שפּעטער מיט איין יאָהר איז ער אַריינגעטראָטען אין דער בערלינער Singacademie, וואו ער האָט אונטער דער אויפזיכט פון צעלטער זיך פערנומען מיט דער ספּעציעלע לעהרע פון דער אַלטער קירכען-מוזיק. אַז ער איז אַלט געוואָרען 12 יאָהר, האָט איהם זיין לעהרער צעלטער פאָרגעשטעלט פאַר די גרעסטע מוזיקער, וועלכע האָבען זיך שטאַרק פעראינטערעסירט מיט דעם יונגען גאון און איהם זעהר געליעבט.

זעהר שטאַרק פעראינטערעסירט אין פעליקס'ן איז אויך געווען געטהע, ער פלעגט איהם אָפט פערבעטען צו זיך אַהיים, וואו ער פלעגט שפּילען זיינע נייע קאָמפּאָזיציאָנען. אין אַ בריעף צו צעלטער'ן שרייבט דער אַלטער פּאָעט געטהע: „פעליקס האָט ביי מיר געשפּיעלט זיין נייעם קוואַרטעט און האָט אונז אַלע בעצויבערט". דאָס איז געווען דער פאָרטעפּיאַנער-קוואַרטעט, וועלכער איז ערשיענען אונטערן צייכען: op. 3, און איז געווידמעט געטהען. אַלס אַ ווערק פון אַ 14 יעהריגעם קינד, איז דער קוואַרטעט באמת אַ טאַלענטרייכע שעפּפונג, וועלכע קאָן בעצויבערען און ענציקען יעדען איינציגען.

עס איז אַן'אינטערעסאַנ"ער פאַקט, דאָס אין דער צייט ווען אַלע זענען געווען איבערצייגט אין פעליקס געניאַלע מוזיקאַלישע פעהיגקייטען, איז זיין

פאטער געוועזן זעהר פארזיכטיג, און ערשט דאן, ווען אלע פאריזער גרויסע מוזיקער מיט דעם וועלט בעריהמטען קערוביני, האבען איהם אנ'ערקענט אלס גרויסען טאלענט — האט זיין פאטער אברהם מענדעלסאהן איהם דאן ערלויבט זיך פריי איבערגעבען צו דער מוזיק-קונסט, בתנאי ער זאל זיך אויך בעשעפטיגען מיט דער אלגעמיינער בילדונג. א דאנק זיין פאטער, האט ער געענדיגט די גימנאזיע און האט געהערט לעקציאנען אין בערלינער אוניווערזיטעט. ער האט גרינדליך געקאנט די אלטע און נייע שפראכען. און מיט זיינע בעריהמטע איבערזעצונגען, האט ער זיך געקויפט א שענעם נאמען אויך אין דער דייטשישער ליטעראטור.

מיט וואס פאר א גרינגקייט און פינקטליכקייט פעליקס פלעגט אין יענער צייט, לערנענדיג אין אוניווערזיטעט, אויך בעארבייטען די מוזיק-אויפגאבען, זאגט אונז דער בריעף פון צעלטער צו געטהען: „נעכטען אווענד, איז פאר אונז פארגעפיהרט געווארען פעליקס פיערטע אפערע צוזאמען מיט איהר דיאלאג, זי בעשטעהט פון 3 אקטען מיט 2 באלעטען, וועלכע פאדערען א $2^1/_2$ שעה-צייט, וואס אנבעלאנגט מיר, קען איך קוים צו זיך קומען פון ענציקונג... איבעראל וועסטו געפינען נייעס, שענעס און זעלבסטשטענדיגקייט; איבעראל איז צו זעהען בעגייסטערונג, ארבייטזאמקייט, רוהיגקייט, הארמאניע און דראמאטיזם. די ארקעסטער בעארבייטונג איז זעהר אינטערעסאנט: ניט צו פיעל שרייענדע, ניט פערמאטערט און לאנגווייליג א. ז. וו."

פון דיזען בריעף זעהט מען, אז ביז דעם יאהר 1829 האט אונזער יונגער קאמפאזיטאר שוין געהאט אויפגעשריבען 4 אפערען, פון וועלכע איינע מיט'ן נאמען „די האכצייט פון האמאכא" איז אין יאהר 1827 אויסגעפיהרט געווארען מיט ערפאלג אין בערלין. און דאס איז געווען דער איינציגער צופאל אין מענדעלסאהנס לעבען, אויפצופיהרען אויף דער ביהנע זיינע אנ'איינענער אפערא. ווי עס איז בעוואוסט האט דער טויט איהם ניט דערלאזט ענדיגען זיין אפערע „לארעלאי".

16 יאהר אלט, האט מענדעלסאהן פערפאסט זיין אקטעט פאר שטרייך-אינסטרומענטען, און צו 17 יאהר האט ער געשאפען די פרעכטיגע און אריגינעלע אוווערטיורע צו שעקספיר'ס „זאמערנאכטס-טרוים"; אין איהר ארט בלייבט דאס מוזיקאלישעס רייכעס בילד, די איינציגסטע אין דער גאנצער

מוזיק-ליטעראַטור. ניט נאָר די שענע פאָרם אַליין פון דער אוווערטיורע בעֶ-
ווייַט אויף דעם יונגען מ ע נ ד ע ל ס אָ נ'ס שוין-ענטוויקעלטען טאַלענט, נאָר
אויך דער אינהאַלט דריקט אויס אַזוי זיכער איהר אינדיווידועלע קראַפט, דאָס
עס איז גאָר אומזיסט אונזער נאָכזוכען איהר פּראָטאָטיפּ. דאָס וואָס דער קאָמ-
פּאָזיטאָר וועבער האָט געוואָלט אויפטהון אין זיין מוזיקאַלישען ווערק
„אָבעראָן" — אַרויסצופיהרען אַ וועלט מיט גייסטען מיט דער הילף פון גוטהער-
ציגע, מוטהווילינ-הומאָרישע מיטלען, דאָס האָט מ ע נ ד ע ל ס אָ ן דורכגעפיהרט
אין „זאָמערנאַכטס-טרוים" בלויז מיט דער הילף פון די אינסטרומענטען; אַ דאַנק
וועלכען דער אָרקעסטער האָט זיך ערוואָרבען אַ גרויסע און שטאַרקע אויס-
דריקליכע קראַפט, אַן'אונגעוועהנליכע פאַרבען-העלקייט. און די מעלאָדיע און
רהיטם — אַ נייַ בעצויבערענדען רייץ.

אין יאָהר 1829 האָט מ ע נ ד ע ל ס אָ ן אונטערגענומען זיך אַ שווערע
אַרבייט — לויט זיינע יונגע קרעפטען — ער האָט אויפגעפיהרט אין בערלין באַך'ס
„Matthauspassion". אַ זאַך, וועלכע איז 70 יאָהר ניט געשפּיעלט געוואָ-
רען און כמעט ווי פערגעסען געוועזען. ער האָט דאָס געטהון געגען דעם ראַט
פון זיין לעהרער און גוטען פריינד אי ג נ אַ ץ מ אָ ש ע ל ע ס (אַ ייד), דערפאַר
אָבער האָט ער דערמיט ווידער שטאַרק אויפמערקזאַם געמאַכט אַלע דייטשישע
מוזיקאַלישע צענטערען צו דעם גרעסטען אָראַטאָריען שעפער. באַלד נאָך דעם
איז מ ע נ ד ע ל ס אָ ן אַוועקגעפאָהרען קיין לאָנדאָן, דאָרט האָט איהם מ אָ ש ע-
ל ע ס בעקאַנט מיט דער פילהאַרמאָנישער געזעלשאַפט, וואו ער האָט אויפגע-
פיהרט זיין אויבענדערמאָנטע אוווערטיורע „זאָמערנאַכטס-טרוים" און געהאַט דעם
גרעסטען בייפאַל. פון די סאַטיריייע און שאַרפזיניגע בריעף, וועלכע מ ע נ-
ד ע ל ס אָ ן האָט דאַמאָלס געש[illegible]-ען אַהיים, זעהט מען ווי שטאַרק ער האָט
איבער'רעכט גאַנץ ענגלאַנד, און ווי פריינדליך מען האָט איהם דאָרט אויפגעֶ-
נומען אין אַלע קרייזען.

שפּעטער מיט אַ יאָהר, האָט מ ע נ ד ע ל ס אָ ן פאָרגענומען אַ רייזע קיין
איטאַליען. וואו ער האָט זיך לענגער אָבגעשטעלט אין רוים, דאָרט האָט ער
זיך בעקאַנט מיט די איטאַליענישע מוזיק-סודות, און זיך שטאַרק איבערגעגע-
בען דעם נייעם שטודיום. דאָרט האָט ער געשריבען „די ערשטע וואַלפּורגיס-

נאַכֿט", דאָס ערשטע העפֿט פֿון „לידער אָהן ווערטער", דריי מאָטעטען און דאָס קאַפּיטעל תהלים 115. נאָך זיין בעזוכֿען נעאַפּאָל, האָט ער צוריקגעקעהרט אַהיים. דורכֿפֿאָהרענדיג די שטאָדט מינכֿען, איז ער געווען איינגעלאַדען אין הויף, וואו ער האָט געשפּיעלט זיין קאָנצערט H-moll, דאָרט האָט מען ביי איהם אויך בעשטעלט אויפֿשרייבען אַן׳אָפּערע ספּעציעל פֿאַר מינכֿען. די איינדריקען וועלכֿע עס האָט געמאַכֿט אויף זיין נשמה דיזע רייזע, און די שטימונגען, זענען געווען דויערהאַפֿטיג. ווער עס וויל זיך גוט בעקאָנען מיט דיזען געניאַלען קאָמפּאָזיטאָר און גרויסען מענש, מוז אונבעדינגט אַדורכֿליינען זיינע בעצויבערענד-שיינע און שאַרפֿזיניגע בריעף פֿון יאָהר 1830-32.

אונזער יונגער גליקליכֿער מענדעלסאָן האָט זיך דאַן געפֿיהלט זעהר גוט און צופֿריעדען. דערגרייכֿט אַזאַ הויכֿע מדרגה, בעליעבט איבעראַל, איז מענדעלסאָן געווען זיכֿער דאָס ער וועט ווערען דער פֿערטרעטער פֿון זיין אַלטען לעהרער צעלטער, אַלס דירעקטאָר פֿון בערלינער „זינג-אַקאַדעמיע", דיזע שטרעבונג איז אָבער געווען אַנ׳אומזיסטע, אויף צעלטער׳ס אָרט איז בעשטימט געוואָרען דער געלערענטער מוזיקאַנט רונגענהאַגען. און מענדעלסאָנען האָט די זאַך שטאַרק געערגערט. אין גיכֿען האָט זיך מענדעלסאָן בערוהיגט און פֿיהלענדיג זיך ווידער מונטער און פֿריש איז ער אָבגעפֿאָהרען קיין דיסעלדאָרף, וואו ער איז איינגעלאַדען געוואָרען צו דיריזשירען גרויסע קאָנצערטען. דאָרט האָט ער אויפֿגעפֿיהרט הענדעלס אָראַטאָריום „איזראַאיל אין עגיפּטען", און האָט מיט דיזער אויפֿפֿיהרונג גלענצענד טריומפֿירט. באַלד האָט איהם דער דיסעלדאָרפֿער מאַגיסטראַט פֿאָרגעלעגט די שטעלע אַלס שטאָדטיגער מוזיק-דירעקטאָר, וועלכֿער מענדעלסאָן האָט אָנגענומען און געאַרבייט אויף איהר פֿלייסיג מיט ערפֿאָלג אַ משך פֿון 3 יאָהר. אַ קורצע צייט האָט ער צוזאַמען מיט׳ן שריפֿטשטעלער קאַרל צימערמאַן געפֿיהרט און פֿערוואַלטעט איבער דיסעלדאָרפֿער טעאַטער. דאַן האָט מענדעלסאָן אָנגעשריבען פֿאַר דער בִּיהנע מוזיק צו קאַלדעראָנאָוס „דער שטאַנדהאַפֿטיגער פּרינץ".

אין פֿריהלינג פֿון יאָהר 1835 איז מענדעלסאָן געווען איינגעלאַדען צו דיריזשירען אויף דעם קעלנער מוזיק-פֿייערטאַג, און באַלד נאָך דעם

איז ער אַוועקגעפֿאָהרען קיין לייפּציג, וואו ער איז בעשטימט געוואָרען אַלס דירעקטיאָר און פֿיהרער פֿון געוואַנדהויז-קאָנצערטען. פֿון דיזער צייט אָן האָט זיך אָנגעפֿאַנגען זיינע נאָהענטע און פֿריינדליכע בעציהונגען מיט לייפּציג. די שטאָדט, וועלכע איז בעריהמט מיט איהר ליעבע און איבערגעגעבענהייט צו קונסט. דאָרטען ד״ט מענדעלסאָן זיך בערוהיגט; זייענדיג בעליעבט ביי אַלעמען, האָט ער זיך געפֿיהלט מוטהיג און גליקליך. אין זיינע אַ בריעף שרייבט ער:

„פֿאַר׳ן גאַנצען ווינטער פֿון מיין נייער שטעלע, האָב איך ניט געהאַט קיין איין ניטאַנגענעהמענעם טאָג, איך האָב ניט געהערט קיין איין אונצופֿריעדענעם וואָרט. איך פֿיהל זיך בלויז אין פֿריידען און אין פֿערגעניגען. דער גאַנצער אָרקעסטער וועלכע בעשטעהט פֿון זעהר געלערנטע מענשען. בעמיהט זיך תּמיד אויסצופֿיהרען אַלעס וואָס איך פֿערלאַנג פֿון זיי, און האָבען געמאַכט זעהר אָנגעזעהענע פֿאָרשריטען אין דער פֿיינהייט אין גאַנצהייט פֿון דער אויספֿיהרונג”.

אַ דאַנק זיין טאַלענט און אַנגענעהמע פּערזענליכקייט, איז מענדעלסאָן גיך געוואָרען דער צענטער פֿון לייפּציגער מוזיקאַלישען לעבען. ער האָט דער שטאָדט געגעבען איהר פֿריהערדיגען גלאַנץ. הויפּטזעכליך פֿון דער צייט אָן וואָס ער האָט אויפֿגעפֿיהרט זיין אָראַטאָריע „פּאַאול”.

וואו מען האָט נאָר געשטעלט דיזע אָראַטאָריע, האָט זי איבעראַל געהאַט דעם גרעסטען ערפֿאָלג ביים קונסט-ענטוויקעלטען פּובליקום. ווייל זי איז איבערפֿול מיט ערנסט-גייסטיגע שטימונגען, זי פֿערמאָגט אַזעלכע גרויסע אייגענשאַפֿטען, טהייערע מוזיק-אוצרות, וועלכע וועלען קיינמאָל נישט פֿערליערען זייער ווערט. און דערצו האָט מענדעלסאָן דערגרייכט, נישט מיט די רעקטיווע ענטנעהמונגען ביי די גרויסע פֿאָרשטעהער פֿון דעם מין מוזיקאַלישער שעפֿונג — באַך און הענדעל, — נאָר מיט אייגענע אָריגינעל-בעשאַפֿענע מיטלען. זעהר אינטערעסאַנט איז די רעצענזיע פֿון דעם גרויסען מוזיקער ראָבערט שומאַן איבער דער אָראַטאָריע „פּאַאול”: „פּאַאול איז אַ מייסטערווערק פֿון דער ריינסטער קונסט. אַ שעפֿונג פֿון פֿריעדען און ליעבע. אויסער איהר אינהאַלט מאַכט זי אויפֿמערקזאַם מיט זעהר טיעף רעליגיעזע

שטימונגען. מערקווירדיג איז די מוזיקאַליש-קינסטלערישע פּערספּעקטיווע, דאָס איז אַ פֿעראייניגונג פֿון וואָרט מיט קלאַנג, די שפּראַך מיט דער מוזיק, — און דאָס אַלעם לויפֿט פֿאַר אונז דורך טיעף און בעצויבערענד".

ווען מיר וועלען דערצו מוסיף זיין, זיין פֿאָרטרעפֿליכעם פּערזאָנען-אויסגרופֿירונג, די גראַציע מיט וועלכע דאָס ווערק איז דורכגעדרונגען, דאָס פֿרישקייט און אונגעוועהנליכע קאָלאָריט-העלקייט אין דער אינסטרומענטאַציע, — רעכענען איך, דאָס מיר קאָנען שוין בלייבען שטאַרק צופֿריעדען, פֿערגעסענדיג אַפֿילו דעם רייצענדען סטיל און ערנסטישע גרינגקייט מיט וועלכע דער אויטאָר בעהאַנדעלט די קאָמפּאָזיציאָן-פֿאָרמען".

די צווייטע אָראַטאָריע „אליהו", איז אויך אַ קונסט קלאַסישעס ווערק אין וועלכער עס שפּיגעלט זיך אָב אַ ליכטיגע און בעגייסטערטע אורשפּרינגליכע פֿאָרם פֿון קאָמפּאָזיטאָר העַנדיל. אין דער אָראַטאָריע, וועלכע איז אַן אויסמישונג פֿון פֿערשיעדענע קונסט-פֿאָרמען, אַ צונויפֿשטעלונג פֿון ליריש, עפּישע, און דראַמאַטישע עלעמענטען, — האָט מענדעלסאָן דערגרייכט צו אַ הויכער מדרגה. דערפֿאַר אָבער, אין דער ריין דראַמאַטישער מוזיק, האָבען זיך זיינע קרעפֿטען ניט תמיד בעוויזען שטאַרק.

דאָס קינסטלערישע צונויפֿגיסונג פֿון מענדעלסאָנס מוזיקאַלישען עלעמענט'ס קראַפֿט און סטיל, צוזאַמען מיט זיינע טיעפֿדענקענדע בעגייסטערונגען, האָט בעשאַפֿען אַ נייעם טריומף פֿאַר דער ליריש-ראָמאַנטישער מוזיק. זיין ראָמאַנטיזם האָט זיך אָבער ניט אַרויסגעוויזען אין דער אָפּערען-מוזיק. זיין אָפּערע „די האָכצייט פֿון גאַמאַכאָ" האָט זיך אויך לאַנג ניט געהאַלטען אויף דער בערלינער בינהע, און זיין אָפּערע „די היימקעהר אויס דער פֿרעמדע" (1829), וועלכע ער האָט געשריבען לכבוד זיינע עלטערענס זילבערנע האָכצייט, איז אויפֿגעפֿיהרט געוואָרען בלויז ביי זיינע עלטערען אין הויז.

אין יאָהר 1837 האָט מענדעלסאָן חתונה געהאַט מיט צעציליע שאָרנאָ, — אַ צערטליכע-שענע און גוטע פֿרוי. דער נייער פּעריאָד אין זיין לעבען האָט איהם געבראַכט פֿיעל גליק. מוטה און ענערגיע. אויסער די אויבענדערמאַנטע מייסטערווערק האָט ער אויך אָנגעשריבען די אוווערטיורען „די העברידען", „רוי-בלאַס", „מעערעסטישע אונד גליקליכע פֿאַהרט", „די

שײנע מעלוזינע״, די סימפֿאָניען C-moll, A-moll, A-dur, D-dur, אַ קאָנצערט פֿאַר װיאָלין און נאָך פֿיעל פיעסען פֿאַר פיאַנאָ, פֿיעל פּסאַלמען און ליעדער.

אין יאָהר 1843 האָט מענדעלסאָן געגרינדעט מיט דער הילף פֿון זאַקסישען קעניג, די לײפּציגער קאָנסערװאַטאָריע, װעלכע רעכענט זיך הײנט פֿאַר דער בעסטער קאָנסערװאַטאָריע אין דער גאַנצער װעלט. און בלױז אַלס גרינדער פֿון אַזאַ הױכגעשטעלטער מוזיק־אַקאַדעמיע אַלײן, װערט מענדעלסאָנס נאָמען מיט גאָלדיגע בוכשטאַבען אױסגעקריצט אין דער אַל־װעלטליכער מוזיק־געשיכטע!

דער פּרײסישער קעניג פֿרידריך װילהעלם IV, װעלכער האָט געהאַט אַ בעגריף אין קונסט און איז געװען מענדעלסאָנס אַ פֿערעהרער, האָט בײ איהם בעשטעלט מוזיק צו די סאָפֿאָקלאָסישע טראַגעדיע, דער רעזולטאַט דערפֿון איז געװען, דאָס מענדעלסאָן האָט אױפֿגעפֿיהרט מיט אַ גרױסען ערפֿאָלג זײן מײסטערװערק „אַנטיגנוס״. מענדעלסאָנס בעזוכען בערלין איז געװען אַ יום־טוב פֿאַר דער מוזיקאַלישער װעלט, עס איז אױסגעפֿיהרט געװאָרען גרױסע קאָנצערטען, װעלכע ער האָט אַלײן דירידזשירט; נאָר אױף דער ביטע פֿון דעם קעניג און פֿיעל הױכגעשטעלטע פּערזאָנען, אַז ער זאָל זיך בעזעצען אין בערלין אױף שטענדיג, — האָט ער ניט אײנגעשטימט, עס האָט אַפֿילו ניט געהאָלפֿען דער גרױסער טיטעל „פּרײסישער גענעראַל מוזיק־דירעקטאָר״ װאָס דער קעניג האָט איהם געשענקט. אױף דער לעצטער אױדיענץ בײן קעניג, האָט דער קעניג איהם געזאָגט, אַז צװינגען איהם ער זאָל בלײבען אין בערלין קען ער ניט, נאָר עס איז איהם זעהר ניט אַנגענעהמען זײן ענטזאָגען זיך.

אין דיזער צײט האָט מענדעלסאָן בעקומען אײנלאַדונגען אין די גרעסטע שטעדט פֿון ענגלאַנד און שװייץ. אין יאָהר 1841 האָט מענדעלסאָן געשפּיעלט בײ דער ענגלישע קעניגין װיקטאָריע, אינטערעסאַנט איז די בריעף װעלכע ער האָט דאַן געשריבען צו זײן מוטער. אין װעלכער ער שילדערט זײן בעגעגעניש מיט דער קעניגין װעלכע איז געװען זעהר מוזיקאַליש און האָט אױך אַ מאָל געהאַט זעהר אַ שײנע זינג שטימע;

„איך האָב געבעטען—שרייבט דער קאָמפּאָזיטאָר—דער פּרינץ אלבערט זאָל מיר עפּים שפּיעלען אויפ׳ן אָרגאַן (איך זאָל מיר דאַמיט קאָנען ריהמען אין דייטשלאַנד), און באַלד האָט דער פּרינץ געשפּיעלט אויסווענינ אַ כאָראַל מיט׳ן פּעדאַל, און האָט געשפּיעלט אַזוי גוט, ריין אָהן פעהלערען, דאָס עס



מענדעלסאָנס אַרבייטס-צימער אין לייפּציג.

וואָלט איהם געמעגט מקנא זיין יעדער אָרגאַניסט. און די קעניגין איז געזעסען און זיך איינגעהערט מיט פערגעניגען. אַזוי ווי נאָך דעם, איז מיר אויסגעקומען צו שפּיעלען, האָב איך אָנגעפאַנגען אַ כאָראַל פון מיין אָראַטאָריע „פּאַאול“.

איך האב נאך ניט געוויזען צו ענדיגען דעם ערשטען סטראָף און ביידע, די קעניגין מיט דעם פרינץ, האבען אנגעפאנגען הויך מיטצווינגען און מיטהעלפען, אז איך בין געוואָרען ענטציקט און הערצליך זיך געפרעהט. נאכהער איז געקומען דער קרוין-פרינץ אליין, און די פערוויילונג האט זיך ווידער פערבונדען. די קעניגין האט מיר געפרעגט, האב איך ניט אנגעשריבען עפּיס ביי עם? — ווייל די אלטע זאכען האט זי שוין גוט געקענט און שטענדיג געזונגען.

— „דו מוזט איהם זינגען עפּיס פון זיינע ליעדער" — האט דער פרינץ אלבערט געזאגט דער קעניגין. — מיר זענען איבערגעגאנגען דורך פיעל קאָרידאָרען און זענען אריין אין דער קעניגינס צימער וואו עס איז געשטאנען א פּאָרטעפּיאַן, אויף וועלכען עס איז געלעגען פיעל נאָטען. די קעניגין האט געזונגען מיינס א ליעד זעהר ריין, שטרענג אויסגעהאלטען דעם טאקט און גאנץ צערטליך אויסגעפיהרט. זי האט ארויסגעזאגט איהר מיינונג, דאס ביי אזא צופאל טאר מען ניט מאכען פיעל קאמפּלימענטען און האט מיר עטליכע מאל געדאנקט. נאר ווען זי האט געזאגט: „אָה, ווען איך וואָלט מיר ניט געשראָקען... אין געזאנג איז מיר דאס אטהמען ניט שווער", — דאן האב איך איהר ערנסט הערצליך געלויבט. נאכהער ווי דער פרינץ אלבערט האט אויך געזונגען, האט ער מיר געביטען שפּיעלען און האט מיר געגעבען א טהעמע דעם פריעדיגען כאָראל וואס ער האט געשפּיעלט אויפ'ן אָרגאן. די אימפּראָוויזאציע האט זיך מיר זעהר איינגעגעבען. אין מיין אויספיהרונג איז געוועזען פיעל אויפלעבונג און איך האב מיר אליין זעהר געפרעהט; עס פערשטעהט זיך דאס איך האב געמוזט נאך שפּיעלען אלע ליעדער, וועלכע די קעניגין האט געזונגען. און דאס אלעס איז געטהון געוואָרען אזוי פשוט און נאטירליך, אז איך בין גרייט געוועזען שפּיעלען און שפּיעלען אָהן א סוף. זיי האבען מיר אויסגעהערט ערנסט מיט געדאנק, ווי זיי וואָלטען עפּעס לערנען. און איך האב מיר געפיהלט גליקליך. ווען איך האב געענדיגט האט די קעניגין געזאגט:

„איך רעכען, אז איהר וועט אונז אין גיכען ווידער בעזוכען אין ענגלאנד".

אויף איינע פון די בעסטע ווערק פון אונזער קאמפּאזיטאר מוזען מיר

נאָך אַ מאָל אָנוועזען, אויף זיין מוזיק צו געטהע׳ס באַלאַדע „די וואַלפּורגיס־נאַכט״, אין איהר קלאַסישער פאָרם און ראָמאַנטישען אינהאַלט, שפּיגעלט זיך אָב מענדעלסאָהנ׳ס גייסט, זיין טיעפדענקענדע פערהעלטעניסען צו דער נאַטור, ליעבשאַפט צו פאַנטאַזיע, עהרפורכטיגע בייגונגען פאַר די עביגע אידעאַלען.


מענדעלסאָהנס דענקמאַל אין לייפּציג.

דער טויט פון זיין הייסליעבענדער שוועסטער פאַני (אין מאַי 1847) האָט שלעכט געווירקט אויף מענדעלסאָהנ. ווער עס האָט געלעזען זיינע בריעף פון יענער צייט, ווער עס איז בעקאַנט מיט זיין טיעפטרויעריגען, ליידענשאַפטליכען קוואַרטעט F-moll, וועלכען ער האָט אָנגעשריעבען אין יאָהר 1847, דער פערשטעהט ווי טיעף מענדעלסאָהן האָט דאַן געליטען. ער האָט אָנגעפאַנגען וואָס מעהר אויסמיידען געזעלשאַפט, ערווייטערען זיך פון מענשען, נערוועז, אויפגערעגט, און איז געוואָרען אונפעהיג צו דער אַרבייט; דער מענדעלסאָהן וואָס איז געוועזען תמיד מונטער, פול מיט ענערגיע, האָט פערלאָרען זיין מוטה און פרעהליכקייט, זיצענדיג שעה׳ן־ווייס פערלעגט די הענד. זיין תמיד פלינקער לעבהאַפטיגער גאַנג איז געוואָרען לאַנגזאַם, פויל.

דעם 28-טען אָקטאָבער 1847 האָט מענדעלסאָן בעקומען אַ פּאַראַליטש און 3 טאָג אַרום, איז ער געשטאָרבען אָבלעבענדיג 38 יאָהר. אין 3 טאָג אַרום, איז פאָרגעקומען זיין קבורה מיט גרויס פּאַראַד און כבוד. די גרויסע קאָמפּאָזיטאָרען מאָשעלעס, דאַווידֿ, הויפּטמאַן און פיעל אַנדערע גרויסע לייט, האָבען גענומען אַנ'אַקטיווען אַנטייל אין זיין בעגרעבניס-צערעמאָניע, וועלכער איז פאָרגעקומען אויף בערלינער טראַנזישען בעגרעבעניס-פּלאַץ. דאָרט ליגט בעהאַלטען דער טויטער קערפּער פון דעם אונשטערבליכען קאָמפּאָזיטאָר, נעבען די ביינער פון זיין ליעבע פריה געשטאָרבענע שוועסטער פאַני הענזעל.

דער לייפּציגער פּראָפעסאָר קאַרל ריינאַקע, אָבשאַצענדיג מענדעלסאָנס ווערט פאַר היינטיגער צייט, זאָגט פאָלגענדע ריכטיגע ווערטער:

„זעהר פיעל פון מענדעלסאָנ'ס שעפּפונגען, שטעהען נאָך וויים פון אונזער פיבערהאַפטיגער צייט; ווען דער איטאַליענישער און נאָך פיעל אַנדערע מוזיקאַלע ריכטונגען זאָרגען בלויז, אַז די מעהרהייט פון דער איצטיגער פּובליקום זאָל געפּרובט ווערען מיט שאַרפע איינדריקען, וועלכע ווערען אַרויסגערופען דורך דער הילף פון שטאַרקווירקענדע מיטלען, און אַלמעגליכע אינסטרומענטאַלע שרייענדע עפעקטען, — דאָך בלייבט ביי מענדעלסאָנען פיעל שענהייט, מיט וועלכער עס קאָן זיך קוויקען און געניסען יעדער געוויינטער מענש. אין יעדען פאַל, בעזיצען זיינע ווערק אַ געזונטען און רייכען אינהאַלט, אַ פאָלקאָם ענטוויקעלטע פאָרם, געהמט אין געדאַנק פאָלגענדע ווערטער: מענדעלסאָן איז געוועזען אַ פאָלקאָמער מענש, און אַ פאָלקאָמער קינסטלער!"

# אַנטאָן גריגאָרעוויטש רובינשטיין.

**א. ג. ר ו ב י נ ש ט י י ן**, דער קעניג אין דער טעכניק פֿון ראָיאַל-שפּיעלען און דער געניאַלער קאָמפּאָזיטאָר, איז געווען איינער פֿון די יודישע גאונים, וועלכע זענען צוליעב געוויסע סבּות ערוואַטערט געוואָרען פֿון אייגענעם פֿאָלק, נאָר זיין פֿאָלקס-גייסט איז דורכגעדרונגען אין אַלע זיינע ווערק.

א. ג. רובינשטיין איז געבאָרען געוואָרען אין אַ דאָרף „וויכוואַטיניעץ" ביי'ם גרענעץ פֿון פּאָדאָליער און בעסעראַבער גובערניע. אין גיכען אָבער האָבען זיינע עלטערען צוזאַמען מיט זיין זיידען, ראובן רובינשטיין, זיך איבערגעזעצט אין אַ גוט, וועלכען זיי האָבען אַרענדירט ביי פּירשט ראַדזעוויל נעבען בערדיטשעוו. דער זיידע זיינער איז געווען אַ ייד אַ בן תורה און אַ משׂכּיל פֿון יענער צייט, צוליעב אונבעוואוסטע כּבות האָט זיך דער זיידע אויף דער עלטער אָבגעשמדט צוזאַמען מיט די קינדער און אייניקלעך מיט אַ טייל פֿון זיינע הויז-בעדינטע, צווישען וועלכע עס האָט זיך געפֿונען אַ טויב-שטומער וואַסער-טרעגער. ראובן, אָדער ווי ער האָט שפּעטער געהייסען ראָמאַן רובינשטיין, איז זאָגאַר נאָכ'ן טויפֿען געווען זעהר נאָהנט צו זיין פֿאָלק, נאָר די בערדיטשעווער יודען האָבען אָבער זיך בעמיהט אויסצומיידען דעם משומד, ביז ער האָט זיך געפֿונען זעהר עלענד און איינזאַם, דעריבער האָט ער זיך בעזעצט מיט דער גאַנצער פֿאַמיליע אין מאָסקווע.

דער קליינער א. ג. רובינשטיין איז אַלט געווען 6 יאָהר, ווען זיינע עלטערן האָבען זיך איבערגעצויגען אין מאָסקווע. צו יענער צייט האָט זיין מוטער, וועלכע איז אַליין געווען מוזיקאַליש און האָט שען געשפּיעלט פּיאַנאָ, בעמערקט אין איהר זוהן גרויסע מוזיקאַלישע פֿעהיגקייטען און האָט זיך ערנסט איבערגעגעבען צו לערנען איהם שפּיעלען פּיאַנאָ.

שפּעטער האָט ער צוזאַמען מיט זיין ברודער ניקאָלאַי גענומען פּיאַנאָ-אונטערריכט ביי דעם בעריהמטען פּעדאַגאָג וו י ל ו א ַן. און צו 10 יעהריגען עלטער



א. ג. רוּבּינשטיין.

האט שוין רובינשטיין קאנצערטירט אין פעטערבורג, וואו די פרעסע האט זיך שטארק מיט איהם בעשעפטיגט און האט איהם פערשפראכען א גלענצענדען צוקונפט. באלד נאך דעם האט איהם זיין לעהרער ווילואן אוועקגעפיהרט אין פאריז, און אויך דארט האט ער מרעיש עולם געווען מיט זיין גרויסען טאלענט. דארט האבען זיך מיט איהם שטארק פעראינטערעסירט די וועלט-בעריהמטע מוזיקער שאפען און ליסט. דער לעצטער האט זיך זאגאר אויסגעדריקט, אז ער זעהט אין דעם קליינעם רובינשטיין זיין פערטרעטער.

רובי-שטיין איז אבגעפאהרען אין בערלין, וואו ער האט געלערענט טעאריע פון מוזיק ביי דעם פראפעסאר דעהן און גלייכצייטיג האט ער פלייסיג געלערענט אלגעמיינע וויסענשאפט. דארט האבען איהם קענען געלערענט די גרויסע קאמפאזיטארען מאיר בער און מענדעלסאן, וועלכע האבען איהם איבערגעגעבען צו לערנען ביי דעם גרויסען טעארעטיקער מארקס.

אין יענער צייט איז איהם אבגעשטארבען דער פאטער, און בלייבענדיג אהן מיטלען צו'ם לעבען, האט ער זיך געמוזט בעשעפטיגען מיט גראשענדיגע לעקציאנען. דאס האט איהם אבער ניט אבגעהאלטען צו ארבייטען פלייסיג פאר זיך זעלבסט, און האט באלד אנגעהויבען פרובירען זיין קראפט אין קאמפאזיציאן.

אין יאהר 1849 איז רובינשטיין געקומען צוריק אין רוסלאנד און האט זיך בעזעצט אין פעטערבורג. זיין טאלענט האט איהם געעפענט די טהירען פון די גרויסע פאלאצען פון די הויכגעשטעלטע אין פעטערבורג. ער איז געווארען א בן-בית ביי דער גרויספירשטען העלענא פאוולאוונא, וועלכע האט איהם איינגעלאדען אלס שטענדיגען פארטעפיאן-בעגלייטער אויף איהרע הויזליכע מוזיקאלישע אווענדען. אין יאהר 1854 האט איהם די זעלבע גרויספירשטין געגעבען מיטעל צו מאכען א רייזע איבער אייראפא. רובינשטיין איז אזוי ארומגעפאהרען גאנצע פיער יאהר און שטארק בעוואונדערט די וועלט מיט זיין קינסטלערישען שפיעלען. אין מיטען דער רייזע האט ער געמוזט קומען נאך מאסקווע אויף 3 וואכען צונעהמען אנ'אנטהייל אין דער קאראנאציע פון אלעקסאנדער דעם צווייטען.

רובינשטיין פערנעהמט א דרייפאכען ארט אין דער מוזיקאלישער

וועלט: אַלס טעכניקער, אַלס קאָמפּאָזיטאָר און אַלס גרינדער פֿון קאָנסערוואַטאָריום׳ס אין רוסלאַנד.

ווי מיר האָבען שוין אויבען דערמאָנט, איז רובינשטיין געווען אַ וועלטבעריהמטער טעכניקער, אין זיין שפּיעלען איז געווען אַזוי פיעל פייער און ערהויבענע שטימונגען, אין וועלכע עס האָבען זיך פֿעראייניגט ביז דער העכסטער מַדרֵגָה קראַפֿט, גראַציע, געפֿיהל און צערטליכקייט. זיין שפּיעלען איז געווען ווי אַ מוזיק-וואולקאַן, פֿון וועלכען עס האָט זיך אַרויסגעריסען שטורמישע ליידענשאַפֿטען, טראַגישע געפֿיהלען, און ריינע פּאָעזיע. כאַראַקטעריש האָט אויסגעזעהן רובינשטיין ביי׳ם ראָיאַל מיט זיין גרויסען לייבען-קאָפּ מיט די קורטשאַווע האָר. ווי נאָר ער האָט בעריהרט מיט זיינע פינגער די קלאַווישען, אַזוי באַלד פֿלעגט זיך פֿון אונטער זיי אַרויסרייסען אַ שטורמדיגער פֿלאַם-פייער, וועלכער האָט פֿעראייניגט דעם שפּיעלער מיטן אינסטרומענט אין איין קערפּער. דערצו האָט ער זיך נאָך אויסגעצייכענט מיט זיין וואונדערבאַרען זכּרון: רובינשטיין פֿלעגט שפּיעלען אויסווענדיג די גרעסטע קאָמפּאָזיציעס פֿון באַך, בעטהאָווען, הענדעל, היידען, מאָצאַרט, מענדעלסאָן און שומאַן.

ניט וועניגער האָט זיך רובינשטיין אויסגעצייכענט אַלס קאָמפּאָזיטאָר, ער האָט אויפֿגעשריבען זעקס סימפֿאָניען, פֿון וועלכע עס צייכענט זיך בעזונדער אויס די צווייטע אין C—dur מיט׳ן נאָמען „אָקיאָנוס“ און די פֿיערטע אין d—moll אונטער׳ן נאָמען „די דראַמאַטישע“. פֿון זיינע קאָמפּאָזיציאָנען פֿאַר פּיאַנאָ שיינען אַרויס די קאָנצערטען אין C—dur און אין G—moll. אויסער דעם האָט ער פֿיעל געשאַפֿען פֿאַר הויזליכע זאָנגענטע קאַמעראַלע מוזיק. פֿון די אָפּערן זיינע איז געווען די ערשטע „דימיטרי דאָנסקאָי“, נאָכדעם געהען די אָפּערן „חאַדושי אַברעק“, די „סיבירער יעגער“ און „פֿאָמקאַ דוראַק“ שפּעטער האָבען זיך בעוויזען זיינע אָפּערן: „פֿעראַמאָרס“, „דעמאָן“, „מאַקאַבייער“, „נעראָן“ און פֿיעל אַנדערע.

רובינשטיין קאָמפּאָזיטאָר האָט זיך אויסגעצייכענט ווי רובינשטיין פּיאַנאָ-טאָנקינסטלער. ער האָט וועניגער געזאָרגט וועגען אויסערליכע קלינגענדע עפֿעקטען און מעהר געשטרעבט צו ערגרייפֿען די אֶמֶת׳ע קראַפֿט און שענהייט פֿון אינהאַלט.

ר ו ב י נ ש ט י י ן איז אין גאַנצען געווען אָנגעזאַפּט מיט'ן יידישען גייסט. אין אַלע זיינע ווערק הערען זיך עכט יידישע מעלאָדיען. אַזוי איז די אָפּערע „דעמאָן", „נעראָן" און דער גרעסטער טייל פון זיינע ראָמאַנסען. הויפּטזעכליך צייכענט זיך אויס אין דער הינזיכט די אָפּערע „מאַקאַביייער", וועלכע איז דורכגעדרונגען פון אָנפאַנג ביז ענדע מיט'ן אֶמֶת'ען יידישען טַעַם. דאָס לעצטע ליעד פון דיעזער אָפּערע, וואָס לֵאָה זינגט „קלאַפּט אין די טימפּאַנען" איז זעהר יידיש-פאָלקס-טימליך.

ר ו ב י נ ש ט י י ן האָט אויך פערשטאַנען, אַז די תּוֹרָה איז געגעבען געוואָרען ניט נאָר צו'ם לערנען פאַר זיך, נאָר לִלְמֹד וּלְלַמֵּד; ד. ה. לערנען אַליין און לערנען אויך דעם צווייטען, און דעריבער טאַקי האָט ער אָנגעהויבען זאָרגען וועגען גרינדען אין רוסלאַנד מוזיקאַלישע שוהלען, און אין יאָהר 1859 האָט רובינשטיין געגרינדעט מיט דער הילף פון דער אויבענדערמאָנטער גרויספירשטין די ערשטע רוסישע מוזיקאַלישע געזעלשאַפט, וועלכע האָט געשפּיעלט זעהר אַ בעדייטענדע ראָלע אין דער ענטוויקלונג פון מוזיק אין רוסלאַנד. די זעלבע געזעלשאַפט האָט געווירקט אין יאָהר 1862 צו עפענען אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע די ערשטע רוסישע קאָנסערוואַטאָריום'ס, אויף וועלכע רובינשטיין איז געשטאַנען אַ לאַנגע צייט אַן דער שפּיצע.

ר ו ב י נ ש ט י י ן אַלס אידעאַליסט האָט געוואָלט שאַפען גאָר אַ נייע אַרט אָפּערע, אַ רעליגיעזע גייסטיגע, וואו די העלדען זאָלען פּרעדיגען בלויז פאַר רעליגיעזען גייסט. צו דיעזען צוועק האָט ער זיך נעהנטער בעקאַנט מיט די בעסטע יידישע שריפטשטעלער פון זיין צייט, ווי שלמה הערמאַן מאָזענטאַל, יוליוס ראָזענבערג, רודאָלף לעווינשטיין און פּיעל אַנדערע. די זעלבע האָבען, נאָך זיין פערלאַנג, אויסגעאַרבייט ליברעטען פון די ביבלישע טהעמעס צו וועלכע ער האָט געשריבען מוזיק. אַזוי אַרום איז בעשאַפען געוואָרען זיין אָפּערע „משה" אין 8 בילדער, (טעקסט פון מאָזענטאַל). „די טויערען פון אֱדוֹם", „הָגָר אין דער וויסטע", און אַן אָראַטאָריע „דער טהורעם פון בָּבֶל", „דער פערלאָרענער גַּן עֵדֶן" און „שוּלַמִּית". אין די אַלע מוזיקאַלישע ווערק שפּיעגלען זיך אָב זיינע רעליגיעזע שטימונגען און זיין טיעפען פערשטעהן דעם גייסט פון די הייליגע שריפטען. עס בלייבט נאָר צו בעדויערען, דאָס זיין אי-

דעֶע צו שאַפֶען אַ היימאַט פאַר דער גײַסטיגער אָפּערע, ווי וואַגנערען האָט געלונגען צו שאַפען פאַר דער מוזיקאַלישער דראַמע אין דער שטאָדט ביירײַט אין דײַטשלאַנד, — איז ניט פערווירקליכט געוואָרען, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס ער האָט זיך שטאַרק בעמיהט וועגען דעם בערך 40 יאָהר.

רובינשטיין האָט זיך אויך אויסגעצייכענט אַלס שריפטשטעלער. זעהר אינטערעסאַנט זענען זײַנע אַרטיקלען אין רוסישען זשורנאַל „Русская старина" און גאָר אַ גרויסען ווערט האָט זײַן ווערק: „Музыка и ея представители"

אין יאָהר 1867 האָט רובינשטיין ווידער געמאַכט אַן'אַרטיסטישע רײַזע אין אויסלאַנד, וועלכע האָט געדויערט גאַנצע דרײַ יאָהר. אין יאָהר 1872 האָט ער בעזוכט אַמעריקע, וואו ער האָט בעוואונדערט מיט זײַנע קאָנצערטען אויף די נײַע וועלט.

אין יאָהר 1989 האָט רובינשטיין געפײַערט זײַן 60 יעהריגען יובילעאום, צו וועלכען ער האָט בעקומען פיעל מַתָּנוֹת און מעדאַליען. פון קייזער אַלעקסנדר דעם דריטען האָט ער בעקומען דעם ראַנג „גענעראַל"; צווישען אַנדערע האָט ער אויך בעקומען אַן'אַדרעס פון „חֶבְרָה מְפִיצֵי הַשְּׂכָּלָה" וואו ער איז געווען אַ שטענדיגער מיטגליעד.

אין 1891 האָט רובינשטיין פערלאָזט פעטערבורג און האָט זיך בעזעצט אין דרעזדען. דעם זעלבען יאָהר האָט ער בעקומען פון קייזער ווילהעלם II אַן'אָרדער „Pour le merite" און שפעטער מיט דרײַ יאָהר איז דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר געשטאָרבען. דער געניעאַלער רובינשטיין האָט זיך מיט דער וועלט געשיידעט דעם 20-טען נאָוועמבער 1894 אין פעטערהאָף אין 65-טען יאָהר פון זײַן לעבען.

רובינשטיין איז געווען געשעצט און געאַכטעט נישט נאָר צוליעב זײַן מוזיקאַלישען געניוס נאָר אויך אַלס מענש, מיט אַ האַרץ, וואָס האָט שטענדיג מיטגעפיהלט מיט אַלעם, וואָס איז שעהן און גוט, און מיט אַלע קרעפטען געהאָלפען די יעניגע, אין וועלכען ער האָט נאָר בעמערקט אַ פונק פון טאַלענט. אין דער הינזיכט איז ער געשטאַנען העכער פון פיעל אַנדערע קאָמפּאָזיטאָרען ווי לְמָשָׁל וואַגנער, בײַ וועלכען, קִנְאָה האָט גע-

שפּיעלט אַ הויפּט ראָלע אין זיינע בעציהונגען צו אַנדערע טאַלענטען.

ר ו ב י נ ש ט י י ן איז געשטאָרבען, זיין גייסט אָבער לעבט און וועט לעבען. זיין נאָמען וועט איבערגעהן אין די קינפטיגע דורות, ניט פערלירענדיג די האָר פון זיין גרויסקייט און גלאַנץ.

# איגנאַץ בריל.

**דער** טאַלענטפאָלער קאָמפּאָזיטאָר איגנאַץ בריל (אַ ייד), איז געבאָרען געוואָרען דעם 7־טען נאָוועמבער 1896 אין פּראָסניץ (מעהרען). אַלס ער איז אַלט געוועזען 2 יאָהר, האָבען זיינע עלטערן זיך איבערגעצויגען אין ווין און דאָס האָט געמאַכט אַ גוטע ווירקונג אויף דעם יונגען בריל'ס מוזיקאַלישען טאַלענט; יוליוס עפּשטיין האָט איהם אונטערריכטעט אין קלאַוויר שפּיעלען, הופּינבאַטשע און שפּעטער אָטאָ דעסאָף — קאָמפּאָזיציע.

אין יאָהר 1861 איז עפּשטיין אַרויסגעטרעטען אין אַ קאָנצערט צוזאַמען מיט זיין שילער בריל, וועלכען דאָס פּובליקום און די קריטיקער האָבען היים און פריינדליך אויפגענומען. „איין שענעם 14 יאָהריגעס קינדער געזיכט—שרייבט קאַרל גאָלדמאַרק—מיט שענע וואַרימע בלויע אויגען, פון וועלכע די מוזיק אַליין האָט אַרויסגערעדט — דאָס איז געוועזען איגנאַץ בריל. ער האָט דאַמאָלס אויך געשפּיעלט אייגענע קליינע קאָמפּאָזיציאָנען, וועלכע האָבען גוט געפּאַסט צו זיין קינדערליכער ערשיינונג" א. ד. ג.

פערפאָלקאָמענדיג זיך מעהר אין די קלאַוויר־שפּיעלען־קונסט, איז איגנאַץ בריל — אין פערלויף פון פיעל יאָהרען — ענערגיש אַרויסגעטרעטען אַלס פּיאַניסט־טאָן־קינסטלער און האָט גלייכצייטיג אויך גוט שטודירט קאָמפּאָזיציע. אַדאַנק זיין סערענאַדע פאַר אָרקעסטאָר, וועלכע איז צום ערשטען מאָל אויפגעפיהרט געוואָרען אין שטוטגאַרט אין יאָהר 1864, איז זיין נאָמען באַקאַנט געוואָרען אַלס קאָמפּאָזיטאָר. זיינע שפּעטעריגע קאָנצערטען פאַר פּיאַנאָ און פאַר קאַמעראַ־ע מוזיק האָבען אויך אַגרויסען איינדרוק געמאַכט, אין זיינע קאַמעראַלע מוזיק פיהלט מען דעם איינפלוס פון שומאַן און מענדעלזאָן.

צו 18 יאָהריגען עלטער האָט איגנאַץ בריל פערפאַסט די ערשטע אָפּערע: „די סאַמאַרקאַנער אָרעמע", די צווייטע אָפּערע איז געוועזען „דער גאָלדענער קרייץ" (ליברעטאָ פון יידישען פּאָעט פאָן מאָזענטאַל), שפּע־



איִגנאַץ בּריִל.

טער האָט ער מיט טאַלענט אויפֿגעשריבען די פֿאָלגענדע אָפּערען: „פּריעדען", „ביאַנקאַ", „די קעניגען מאַריעטע" און „דאָס שטיינערנע האַרץ". נאָך שפּעטער האָט בריל טריומפֿירט מיט זיין אויפֿפֿיהרען אויף בערלינער סצענע זיין קאָמישע אָפּערע: „דער הזאַר", אין די לעצטע יאָהרען האָט בריל פֿערפֿאַסט אַ סימפֿאָניע אָוועורטורען, סאָנאַטען פֿאַר וויאָלענטשעל, ליעדער און פֿיעל כאָראַלען, און אין אַלע זיינע ווערק דערקענט מען פּרוכטבאַרקייט, פֿערשיעדענאַרטקייט, גראַציעזע מעלאָדיען, ריינע בעאַרבייטונג, געזונדע געפֿיהלען, בעגייסטערונג און אַ שטרעבונג צו וואָס העכערער און עדעלער איז קונסט.

בעת בריל האָט אויפֿגעפֿיהרט צום ערשטען מאָל זיין אָפּערע „דער גאָלדערנער קרייץ" אויף בערלינער קעניגליכער אָפּערען-ביהנע, האָט זיך נאָך דער פֿאָרשטעלונג געווענדעט דער קעניג ווילהעלם I צו ברילין מיט פֿאָלגענדע ווערטער: „איהר, ווינער, זענט גליקליכע לייט: די מעלאָדיען ווערען איבער נאַכט ביי אייך געבאָרען, און אַזוי פֿרעהליך און הערצליך זינגען, ווי איהר קען קיינער ניט".

קאַרל גאָלדמאַרק, דער אַלטער בעריהמטער קאָמפּאָזיטאָר אין בערלין (אַ ייד), ענדיגט זיין אַרטיקעל איבער ברילין אין דער „נייער פֿרייער פּרעסע" מיט די פֿאָלגענדע ווערטער:

„מיט איגנאַץ בריל איז אַוועקגעגאַנגען איינער פֿון די רייכסטע און עדעלסטע קינסטלער, ריין ווי זיינע קינסטלערשע געזינונג איז געווען זיין כאַראַקטער, פֿרעמד אַלעם געמיינעם און נידריגען.

„נעהם, געליעבטער פֿריינד. מיינע ווערטער צו דיר איבער אין קבר! דו געהסט אַהין, וואו אַלעס, וואָס עדעל און גרויס, פֿעראייניגט זיך, ביסט ניט געווען איינער דער גרעסטער, דאָך געוויס איינער דער עדעלסטער!"

נאָך 50 יאָהריגער נוצליכער אַרבייט אין מוזיק איז איגנאַץ בריל געשטאָרבען דעם 17-טען סעפּטעמבער 1907 אין ווין.

עס איז צו בעמערקען, דאָס איגנאַץ בריל איז געשטאָרבען אַ ייד און געבליבען טריי דעם יידישען פֿאָלק.

# קאַרל גאָלדמאַרק.

איינער פון די רייכסטע און אינדיווידועלע טאָן־דיכטער פון אונזער צייט איז דער יידיש־אונגאַרישער קאָמפּאָזיטאָר קאַרל גאָלדמאַרק.

געהענדיג אין וואַגנער'ס וועג, בעווייזט ער זיך אין זיין שעפּפונג'ס קראַפט אָריגינעל, ניי און אייגענטימליך, און שטייגט איבער אַלע היינטצייטיגע קאָמפּאָזיטאָרען מיט אַ רייכטהום פון מוזיקאַלישע געפיהל, גלאַנץ, פּראַכטיגע אינסטרומענטאַלע פאַרבען, שאַרפזיניגקייט, — מיט זיין געניאַלע קלאַנגען־קאָמבינאַציעס, און דעטאַילע אויסדריקליכקייט.

אָפּערען האָט גאָלדמאַרק געשריבען וועניג, אָבער יעדע אָפּערע האָט מיט איהר ערשיינונג געמאַכט אַ רושם אין דער מוזיק־היסטאָריע. פון אַלעמען האָט די וועלט איהם אַנערקענט מיט זיין אונשטערבליכער אָפּערע „קעניגין פון סאַבאַ" (מלכת שבא), וועלכע איז צום ערשטען מאָל אויסגעפיהרט געוואָרען אין וויען אין יאָהר 1875. און פון דאַמאָלט אָן האָט זי געמאַכט אַ טריומפירענדען איבערגאַנג איבער אַלע אָפּערען־ביהנעס פון דער גאַנצער וועלט.

גאָלדמאַרקען האָט שטאַרק בעצויבערט דער ביבלישער מאַטעריאַל פון שלמה המלך מיט דער מלכה שבא, און האָט אַריינגעלעגט אין דער מוזיק־בעאַרבייטונג זיין גאַנצען ליידענשאַפטליכען טעמפּעראַמענט, און זיין ליעבע צו דער היסטאָריע און צום יידישען פאָלק. זייענדיג אַ דייטשישער ראָמאַנטיק אין מוזיק בעווייזט זיך ביי איהם אויך אַ פּאָזיטיווע ליעבע צו פאַנטאַזיע און אָריענטאַלע פּאָעזיע.

אַ גרויסען איינדרוק מאַכט זיין אָפּערע „מערלין" וועלכע איז אין איהר אַרט אַ בעצויבערענדע ריטערליכע אָבערע אין דעם ראָמאַנטישען גייסט. פול מיט אידילישער פּאָעזיע איז זיין אָפּערע „היימכען אַם העֶרד". און איהר איז זעהר שטרענג און רייצענד אויסגעהאַלטען דער פּאָעטיש־לעגענדאַרישער טאָן.

זיין נייעסטע אָפּערע „קריעגסגעפאַנגענע" האָט אויך געהאַט איבעראַל ערפאָלג און האָט פערגרעסערט דעם רוים און גרויסקייט פון דעם פיעלזייטיגען אַלטען קאָמפּאָזיטאָר.

אויסער די אויבענדערמאַנטע אָפּערען איז גאָלדמאַרקס קראַפט גרויס אויך אין דער קאָנצערטען-מוזיק. זיין סימפאָניע „די דאָרפישע האָכצייט", די צווייטע סימפאָניע Es—dur, די אוווערטיורען: „מיט'ן פריהלינג", „פענטעזילע", „פראָמעטעאוס" און „סאַפפאָ", אויך זיינע פיעל פּאָפּולערע לידער, בעווייזען דייטליך זיין רייכקייט און פיעלזייטיגקייט אין דער מוזיק-קונסט. גאָלדמאַרק האָט אויך געשריבען פיעל קירכען כאָראַלען, סוּאיטען, אַ קאָנצערט פאַר וויאָלין, אַ קאָנצערט פאַר פאָרטעפּיאַן, אַ קווינטעט פאַר פאָרטעפּיאַן, אַ קוואַרטעט און אַ קווינטעט פאַר שטרייך-אינסטרומענטען. עטליכע טריאָן, כאָרגעזאַנגען, און מוזיק צו דעם 113-טען קאַפּיטעל תהלים. זיין שטרייך קוואַרטעט B רעכענט זיך אַלס בעסטעס ווערק פון זיין קאַמעראַלע מוזיק. זיין קאָנצערטען-אוווערטיורע „סאָקונטאַלאַ" קאָן מען רעכענען פאַר'ן בעסטען און טייערסטען פּערל. צווישען זיינע זאַכען, וואָס ער האָט געשריבען פאַר אָרקעסטער. דאָס



קאַרל גאָלדמאַרק

איז א פאעטישע אילוסטראציע צו דער אינדישער דראמע „קאלידאזא" און צווייבענט זיך אוים מיט איהרע פרייע און בעשטימטע פארמען מיט איהרע נייע אידעען און באמת גלענצענדער אינסטרומענטאציאן.

געבארען געווארען איז גאלדמארק דעם 18-טען מאי 1830 אין קעשטעל (אונגארען). אין 1844 איז ער געפאהרען קיין ווין, וואו ער האט זיך געלערענט שפיעלען וויאלין ביי לעאפאלד יאזא. אין ווינער קאנסערוואטאריום האט ער געלערנט די הארמאניען לעהרע. פון 1850 ביז 1857 האט גאלדמארק פערנומען א שטעלע אלס וויאלאנימט אין פערשיעדענע עסטרייכישע ארקעסטערען. אויף דיעזע קאנצערטען האט ער געפרובט אויספיהרען איינינגע מאל זיינע אייגענע מוזיקאלישע שעפפונגען. זעהענדיג דאס די קריטיק און דאס פובליקום אנערקענען זיין מוזיקאלישען טאלענט, האט ער זיך פון דאמאלט איבערגעגעבען צו זיינע שעפערישע ארבייט — צו זיין קאמפאזיטארישער קאריערע.

ווער עס קען פערזענליך גאלדמארקען, דעם קליינעם מאן מיט די טיעפע אויגען אין זיין בעוועגליכען געזיכט, דער קען ריכטיג אבשאצען די גרויסע ווערט פון גאלדמארקען אויך אלס מענש. זייענדיג שוין אן אלטער מאן קרוב צו שמונים, איז ער נאך פול מיט מוטה און ענערגיע, ער טרעט ארוים עפענטליך אין דער פרעסע און פערטיידיגט די מוזיק אידעען, וועלכע זענען ביי איהם הייליג, ער זאגט ארוים זיין מיינונג אין דער פרעסע איבער פערשיעדענע קינסטלער-מוזיקער, קריטיקירט מיט א שארפער פעדער די מוזיקאלישע שעפפונג פון די נייסטע מוזיק-דיכטער. און בעווייזט זיך אין דעם הינזיכט אלס גאונישער פסיכילאג מיט א שארפען קריטיק-מעסער צו פערגאנדער שניידען די צונויפגעלעגערטע און פערשענדענארטיגסטע אמת'ע און פאלשע טאלענטען. אלעס וואס ער זאגט ארוים איז איבערצייגט און דורכגעשטודירט. דעריבער איז זיין ווארט און מיינונג געשעצט.

ניט אומזיסט האט די מוזיקאלישע וועלט דרך ארץ פאר דעם אלטען יידיש-דייטשישען קאמפאזיטאר און האט געפייערט אין יאהר 1900 גאלדמארקס 70 יעהריגען יובילעאום מיט גרויס פאראד און כבוד.

# מאַקס ברוך.

אַ זעלבסשטענדיגער, בעגאַבטער, פיעלזייטיגער קאָמפּאָזיטאָר פון 19-טען יאָהר-הונדערט, רעכענט זיך מאַקס ברוך. זיינע אַלע גרויסע מוזיקאַלישע ווערק, ציי‍כענען זיך אויס, מיט אַן׳ערהאַבענעם שטרענג-אויסגעהאַלטענעם סטיל. זיין שעפּפונגס-קראַפט איז פריי; זיינע מעלאָדיען — טראָגען דאָס עדעלע פערהעלטניסמעסיגקייט און גלענצענדע אויסדריקליכקייט — פיהלט זיך אין זיי אַ שטרעבונג צו אַלעם וואָס איז מעסטיג, שטאַרק און גרויס. ער בעזיצט אַ קינסטלערישע האַנד צו בעציי‍כענען כאַראַקטערישע שטריכען. אויך — אַן׳אונגעוועהנליכעס צאַרט געפיהל צו תופס זיין דאָס קלאַנג-שענהייט אין דעם האַרמאָנישען, ווי אויך אין דעם אינסטרומענטאַלען עלעמענט; זיינע מוזיקאַלישע פאָרמען זענען סימעטריש געשמאַק-פאָל בעאַרבייט, און דאָס גיט זיי צו, אַ שענעם כאַראַקטער, וועלכער ערינערט אונז מאָצאַרטען און מענדעלסאָנען.

דורך די אַלע אויסגערעכענטע מעלות, האָט מאַקס ברוך זיך ערוואָרבען אַ גרויסען נאָמען אין דער מוזיקאַלישער וועלט. זיין קראַפט און עהרע איז אונגעהייער גרויס אויף דעם הערזאָנט פון דער אינסטרומענטאַלער און וואָקאַלער מוזיק; אויך אַלס אָפּערען און קאַנטאַטען פערפאַסער. אין אַלע זיינע שעפּפונגען פיהלט זיך אַן׳ערנסטע אויסדריקליכקייט אַ דאַנק וועלכע זיי, בעזונדערען שטאַרק דעם צוהערער. פלאַכע עפעקטען וועט מען ביי ברוך׳ען ניט בעמערקען, ער האָט פיינד מקריב זיין דאָס ראַיעלעס, דאָס קינסטלערישעס און הויכווירדיגעס צוליעב אויסגעבראָזענע עפעקטען, וועלכע זענען זעהר זיס און אַנגענעהמע פאַר דעם ניט ענטוזיקעלטען מוזיקאַלישען אויער.

אַלס קאָמפּאָזיטאָר פֿון כאָראַלע-מוזיק, רעכענט זיך ברוך אין פֿערגלייך צו בראַמסען אַלס גרעסטער פֿון דער נייער צייט. ער איז דורכגעדרונגען מיט'ן דייטשישען גייסט. דעריבער זענען שטאַרק רייצענד און באַליעבט זיינע דייטשישע פֿאָלקס-ליעדער.

געבאָרען איז ברוך דעם 6 יאַנוואַר 1838 אין קעלן. אַזוי ווי דאָס רוב גרויסע טאַלענטען האָט ער אויך נאָך אַלס קינד אַרויסגעוויזען זיין מוזיקאַלישען טאַלענט. צו 11 יאָהר האָט ער שוין געפּרובט זיינע קרעפֿטען צו שרייבען גרויסע קאָמפּאָזיציאָנען, און צו 14 יאָהר האָט מען שוין אויסגעפֿיהרט אין קעלן זיינע אַ סימפֿאָניע.

געלערענט האָט ברוך טעאָריע און קאָמפּאָזיציע ביי פֿערדינאַנד הילער און ביי קאַרל ריינעקע. פֿאָרטעפּיאַן שפּיעלען האָט איהם געלערנט פֿערדינאַנד ברייניג.

אין יאָהר 1852 האָט ברוך געווענדעט אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער מוזיקאַלישער וועלט מיט זיין שטרייך-קוואַרטעט, פֿאַר וועלכען ער האָט בעקומען די פֿראַנקפֿורטער „מאָצאַרט-פּרעמיע“. אין יאָהר 1865 איז ער בעשטימט געוואָרען פֿאַר אַ דירעקטאָר אין לייפּציגער מוזיקאַלישען אינסטיטוט און צוויי יאָהר שפּעטער, איז ער געוואָרען קאַפּעלמייסטער אין זאָנדערהויזען. אין יאָהר 1878 איז ברוך געווען דער פֿיהרער פֿון שטערנ'ס געזאַנג געזעלשאַפֿט אין בערלין. און אין יאָהר 1889 איז ער בעשטימט געוואָרען אַלס דירעקטאָר און דיריזשאָר פֿון דער ליווערפּאָלער פֿילהאַרמאָנישער געזעלשאַפֿט. ברוך האָט זיך ניט געקאָנט האַלטען לאַנג אויף איין אָרט. ער האָט אויך געמאַכט אַ טורנע איבער אַמעריקע, וואו ער האָט געהאַט ערפֿאָלג. קומענדיג פֿון דיזער רייזע איז ער געווען אַ לאַנגע צייט דער פֿיהרער פֿון ברעסלויער גרויסען אַמאַטאָרען-אָרקעסטר. און נאָכהער אין יאָהר 1892 איז ברוך בעשטימט געוואָרען פֿאַר אַ פּראָפֿעסאָר אין דער בערלינער קעניגליכער שולע.

פֿון אַלע זיינע מוזיקאַלישע ווערק צייכענען זיך שטאַרק אויס פֿאָלגענדע שעפּפֿונגען פֿאַר געמישטע געזאַנג שטימען, סאָלאָ און אָרקעסטער: „אָדיסיי“, „אַרמיני“, „דאָס גלאָקען ליעד“, „אויך-זיין פֿערפֿאַסונג פֿאַר מענער שטימען: „פֿריטיאָף“, „סאַלאַמין“. פֿון אַלע זיינע אָפּערען צייכנען זיך אויס „הערמיאָנע“ אין וועלכער עס איז אויסגענוצט געוואָרען דער אינהאַלט פֿון שעקספּירס „ווינטער ערצעהלונג“, און — „לאָרעליי“. פֿון אַלע זיינע סימפֿאָנישע ווערק האָבען אַבעזונדער גרויסע ווערט 3 סימפֿאָניען; אַזאַ גרויסע ווערט אין דער מוזיקאַלישער ליטעראַטור האָבען אויך זיינע 2 קאָנצערטען פֿאַר וויאָלין מיט

אָרקעסטער, פון די לעצטע ציילענט זיך שטארק אוים דער קאָנצערט G-moll מיט זיין הארמאָנישער Andante. מיט דיזען קאָנצערט טרעטען ארוים די גרעסטע וויאָלין-ווירטואָזען פון איראָפּע און אמעריקע. יעדער קינסטלער האָט אין דיזען קאָנצערט א ברייטען פעלד וואו ארוים צו ווייזען זיינע אינדיווידועלע פעהיגקייטען און טעכניק.

עס איז כמעט ניטאָ קיין איין גרויסער קאָנצערט-אבענד אין אלע אייראָפּעאישע פילהארמאָניען און קאָנצערט-זאלען עס זאָל ניט פיגורירען ברוך'ס נאָמען אויף דער פראָגראמע. דאָך ווייסט כמעט קיינער ניט אז ברוך איז א ייד. האָטש אין אלע זיינע שעפּפונגען איז גאָר ניט צוערקענען זיין ייד, ער בעווייזט זיך תמיד אלס ריינער דייטש, דאָך האָט ער אלס ייד בעארבייט פאר וויאָלינטשעל מיט פאָרטעפּיאן די יידיש-גלות מעלאָדיע „כל נדרי“. דיזער



מאקס ברוך.

קאָנצערט „כל-נדרי“, איז זעהר רייך בעהאנדעלט און ווערט אויסגעפיהרט אלס

פּראָגראַם-נומער א' איף די גרעסטע קאָנצערט-אָבענדען אין אייראָפּע מיט'ן גרעסטען ערפאָלג. די מעלאָדיע אַליין פון „כל-נדרי" איז ניט געריהרט אַ האָר, יידיש-פאָלקסטימליך ווייזט זיך דער וויאָלינטשעל דעם יידישען ניגון מיט אַלע פיגוראַציען און קנייטשליך, פונקט ווי עס ווערט געזונגען יום כפור ביי נאַכט אין אַ יידישער שול. און ווי אַזוי ער האָט איהם דייטשיש בעאַרבייט, האָט ער זיך נאָך מעהר יידישער אויפגעפיהרט פון די אויסלענדישע רעפאָרמירטע קאַנטאָרען, וועלכע האָבען די בעליבטעסטע און בעצויבערענדעסטע מעלאָדיע פון „כל-נדרי" אַזוי רעפאָרמירט, אַרומגעהאַקט, אַרומגעשניטען, פערשליפען און גויש האַרמאָניזירט, אַז זי איז פרעמד געוואָרען דעם יידישען אויער, ווייט פון דעם יידישען געפיהל, טרוקען און לגמרי ניט צו דערקענען...

אַלס דייטשישער ייד מיט אַ ריינעם דייטשישען פאָלקס כאַראַקטער און נשמה, האָט קאָמפּאָזיטאָר ב ר ו ך מיט זיין קאָנצערט „כל-נדרי" יוצא געוועזען פאַר יידען לכל הדעות!...